פערלאג „די וועלט".

ק. קאוטסקי.

Wypożyczalnia Książek
„PALATYN"
Łódź, Piotrkowska l. 89.
Tel. 223-98.

קאָנסום פעראיינען.

„PALATYN"
№ 2110.

ווארשא.

1906.

„פערלאגס-דרוקעריי", ווארשא, פאנסקא 20.

Консумъ-Ферайненъ т. е. Кооперативныя Общества.

„Издательская Типографія", Варшава, Панская 20.

Дозволено Цензурою.
Варшава, 31 Января 1906 года.

קאָנסום*)־פעראיינען.

I.

אויס׳ן שוהל פון דער נייעסטער סאָציאַליסטישער בעוועגונג שטעהט אויך די געגאָסענשאַפטס-בעוועגונג**). אַלע אומבייטונגען, וואָס די ערשטע בעוועגונג האָט אין דעם לעצטען יאָהר־הונדערט איבערגע־לעבט, האָבען אויך געהאַט אַ שייכות צו דער צווייטער. די גענאָ־סענשאַפטס-בעוועגונג, פונקט ווי די פּראָפעסיאָנאַלע בעוועגונג, איז פון אָנפאַנג ענטשטאַנען גאַנץ פון זיך אַליין. אַרבייטער אָדער בעלי־מלאכות פלעגען זיך פעראייניגען צוזאַמען, כדי זיי זאָלען זיך לייכ־טער קענען דערשלאָגען אַ בעסערען טעגליכען לעבען. וואָס ס׳איז פיעל שווערער צו דערגרייכען מיט ניט פעראייניגטע קרעפטען. אַט, צ. ב., פלעגען זיי גרינדען געמיינזאַמע ווערקשטאַטען כדי צו דער־גרייכען מעהר אונאַבהענגיגקייט, אָדער צו געבען שטעלעס פיעלע אָבגעזאָגטע אַרבייטער און הויפּטזעכליך כדי פטור צו ווערען פון די צווישענהענדלער, וועלכע פלעגען איינפיהרען אַ מין מאָנאָפּאָל אין אַ געוויסען פאַך (צ. ב. בעקער) און אָהן רחמנות עקספּלואַטירען די אַרבייטער, אָדער פלעגען זיי געבען שלעכטע סחורה.

אַזעלכע געגאָסענשאַפטען האָבען שוין עקזיסטירט אין ענג־לאַנד נאָך אין 18־טען יאָהר־הונדערט. נאָר לייכט געבוירען — גיך געשטאָרבען. מעהר ניט איינגע פון זיי, וועלכע האָבען זיך גע־פונען אין בעסערע צושטאַנדען, זענען פערבליעבען, האָבען זיך ענט־וויקעלט און געוואָרען אויף אַזוי פיעל בעדייטענד, דאָס זיי האָבען צוגעצויגען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דעם מענשען־פריינד־ליכען דענקער, וועלכער האָט געזוכט אַזאַ אָנשפּאַר־פּונקט, פון וועל־

---

*) קאָנסום—פערברויך; קאָנסום-פעראיין—אחברה, וואָס קויפט אייך פאַר איהרע מיטגלידער אַלץ, וואָס זיי בעדאַרפען.

**) געגאָסענשאַפט—חברה.

כען ער זאָל קענען איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל מאַכען אַ סוף מיט דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע און מיט דער אָרימקייט פֿון דער מאַסע.

ראָבערט אָוען, דיזער געניאַלער אוטאָפּיסט, האָט דער־קענט אין די געגאָסענשאַפֿטס־אָרגאַניזאַציעס איינעם פֿון די מיטלען צו באַפֿרייען דעם אַרבייטער־קלאַס.

דער גרויסער פֿאָרקעמפֿער פֿאַר אַ געזעצליכען נאָרמאַלען *) אַרבייטס־טאָג, איז אויך געוועזען דער פֿאָטער, דער פֿערשפּרייטער פֿון דער אידעע פֿון געגאָסענשאַפֿטען. פֿון צופֿעליגע, פֿון אָרימע בע־דערפֿנישען אַרויסגערופֿענע אָרגאַניזאַציעס, זענען די געגאָסענשאַפֿטען לסוף געוואָרען איינע פֿון די ספּרונזשינעס פֿון דער וועלט־געשיכטליכער באַוועגונג.

גלייך דערמיט אָבער האָט דער עולם אויך אויפֿגעהערט גלייכ־גילטיג צו קוקען אויף דיזע באַוועגונג. די פֿריינד פֿון סאָציאַליזמוס האָבען אָנגעהויבען צו פֿיהרען געגען איהר אַ ביטערע מלחמה; און יעדעס מאָל, ווען עס פֿלעגט זיך די געגאָסענשאַפֿטען עפּעס וואָס ניט איינ־געבען, אַפֿילו אוא קלייניגקייט, וואָס וואָלט פֿריהער קיינעם ניט מעהר פֿעראינטערעסירט, ווי אַ באַנקראָט פֿון אַ־וואָס־עס־איז פֿאַר אַ סוחר, — פֿלעגען זיי שרייען אין איין קול, אַז עס איז שוין אַ סוף געקומען צום גאַנצען סאָציאַליזמוס. די אָנהענגער פֿון די גרויסע אוטאָפּיסטען, פֿון אַנדער זייט, האָבען וואָס מעהר און מעהר אַרויסגעשטעלט די גע־נאָסענשאַפֿטען ווי אַ מלאך־הגואל, ווי אַ בעסטען רופֿא פֿון דער קראַנ־קער געזעלשאַפֿט און אַ בעסטען מיטעל די סאָציאַל־פֿראַגע צו פֿער־ענטפֿערן. באַזונדערס האָבען זיי אַזוי געקוקט אויף די פּראָדוקטיוו־גע־נאָסענשאַפֿטען.

פֿון דעמאָלט אָן האָבען די מעשים־בכל־יום (ערפֿאַהרונג) אָבער באַוויזען, אַז אויף גרויסע גליקען פֿון די געגאָסענשאַפֿטען איז ניטאָ וואָס צו האָפֿען; און מען וועט היינט גאַנץ וועניג מענשען גע־פֿינען, וועלכע וואָלטען פֿון די דערוואַרטען — גאַנץ גלייך, אויב דיזע געגאָסענשאַפֿטען זענען געגרינדעט אויף זעלבסט־הילף, אָדער אויף מלוכישע שטיצע — די באַפֿרייאונג פֿון פּראָלעטאַריאַט. וואָס גרעסער

*) אַ 8 שטונדיגער אַרבייטסטאָג הייסט דאָך אַ נאָרמאַלער אַ רעגולירטער אַרבייטסטאָג.

אַ געשעפט איז, און וואָס מעהר קאַפּיטאַל מען דאַרף צו איהם האָבען, דאָס שווערער איז פאַר די אַרבייטער אַריינצונעהמען איהם אין זייערע הענד מיט דער הילף פון די פּראָדוקטיוו־געזעלשאַפטען. און אומגעקעהרט, וואָס קלענער דער געשעפט איז, וואָס ווייניגער קאַפּיטאַל מען דאַרף צו איהם האָבען, דאָס לייכטער איז דעם פּראָלעטאַריאַט אַזאַ געשעפט צו פיהרען. וואָס מעהר די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג פיהרט פון קליין־בעטריעב צו גרויס־בעטריעב, דאָס ווייניגער קענען די פּראָדוקטיוו־געזעלשאַפטען דינען דעם אַרבייטער־קלאַס פאַר אַ בעפרייאונגס־מיטעל.

און אַפילו שוין דאָרטען, וואו זיי קענען יאָ אָנגעווענדט ווערען, גיבען זיי אויך ניט דאָס, וואָס מען האָט ערוואַרטעט פון זיי.

אין דעם היינטיגען פּראָדוקציאָנס־אופן קען קיין שום געשעפט ניט בלייבען שטענדיג אויף דער זעלבער מדרגה; אַרויף אָדער אַראָב, אָדער ער ענטוויקעלט זיך ווייטער, אָדער ער געהט צום גרונד. פיעלע פּראָדוקטיוו־געזעלשאַפטען זענען אונטערגעגאַנגען צוליעב פיעלע זייטיגע סבות: שטערונגען פון דער מלוכה אָדער פון די קאַפּיטאַליסטען, און אָפטמאָל ווייל עס פעהלט פשוט קאַפּיטאַל און פעהיגע מענשען צו פיהרען אַזאַ געשעפט. דאָרטען אָבער, וואו אַזעלכע געזעלשאַפטען געהען גוט, ענטוויקלען זיי זיך טאַקי וואָס מעהר און מוזען לסוף נאָך אָננעהמען נייע אַרבייטער־קרעפטען. אָבער יעדער פעראיין, וועלכער ברייגגט איין ווינאָדעס, נוצען, נאָר אַזוינע וועלכע פערקלענערען זיך מיט דעם וואוקס פון די מיטגלידער, זוכט זיך אָבצוטיילען פון כלל, זוכט אויסנוצען די ווינאָדעס נאָר פאַר זיך אַליין. דאָס איז געוועזען מיט די צעכען, ווען זיי זענען געשטאַנען ניט שלעכט, און אַזוי איז מיט יעדער פּראָדוקטיוו־געזעלשאַפט, וועלכע געהט גוט. ווי נאָר מען דאַרף צוזעצען נייע אַרבייטער, דאַ נעהמט מען זיי שוין ניט מעהר אָן ווי חברים, נאָר ווי לוין־אַרבייטער. פון אַ פּראָדוקטיוו־געזעלשאַפט ווערט עס אַ קאַפּיטאַליסטישע אַקציאָנערע געזעלשאַפט.

פאַר'ן קלאַסען־קאַמפף פון פּראָלעטאַריאַט אָבער האָבען די פּראָדוקטיוו־געזעלשאַפטען, ביי היינטיגע געזעלשאַפטליכע פערהעלטנישע, אַלס איינציגע ערשיינונגען, אַ גאַנץ קליינע, אין בעסטען פאַל אַן'אוינעגבליקליכע בעדייטונג.

דאָס איז איצטער אָנגענומען אין אַלע סאָציאַליסטישע קריי־

זען, די קאָנסום-פֿעראײנען זענען נאָך װעניגער פֿעהיג די סאָציאַל־פֿראַגע צו פֿערענטפֿערען, דען זײ בעריהרען אפֿילו נאָר ניט דעם פֿערהעלטעניש צװישען קאַפּיטאַל און אַרבּײט. דערפֿאַר האָבען די בײדע, קאָנסום- און פּראָדוקטיװ-גענאָסענשאַפֿט, פֿערלאָרען זײער קרעדיט בײ די אַרבּײטער פֿון פֿעסט-לאַנד (קאָנטינענט) פֿון דער צײַט אָן װי די אַרבּײטער-בעװעגונג איז אויסגעװאַקסען, און דער פּאָליטישער און פּראָפֿעסיאָנאַלער קאַמפּף האָבען פֿערנומען אַלע קרעפֿטען. די אַרבּײטער האָבען נאָך מעהר פֿערלירען זײער צוטרוי צו די גענאָסענשאַפֿטען פֿון דאַן, װען אַ טײל פֿון דער בורזשואַזיע האָט זיך בענוצט מיט דעם בעװעגונג, כּדי אָבצוציהען די אַרבּײטער-בעװעגונג פֿון פּאָליטישען און פּראָפֿעסיאָנאַלען, איבערהויפּט פֿון קלאַסען-קאַמפּף און כּדי אָנצוװײַזען אַ מיטעל פֿאַר די אַרבּײטער װי זיך צו בעפֿרײַען, ניט אָנריהרענדיג אײן האָר אויך ניט פֿון קאַפּיטאַל. פֿון אַנאַלגעמײנעם מיטעל פֿון די סאָציאַליסטען זענען די גענאָסענשאַפֿטען געװאָרען אַנאַלגעמײנער מיטעל פֿון אַזעלכע עלעמענטען, װעלכע װינשען כּל־טוב די אַרבּײטער, אָבער װאַגען זיך ניט אַרױסצוטרעטען אָפֿען אַנטקעגען קאַפּיטאַל, װי צ. ב. די קריסטליכע סאָציאַליסטען, עטיקער א. ז. װ. אָדער װי די אַנאַרכיסטען, װעלכע האַלטען דעם קלאַסען-קאַמפּף פֿאַר אַ לאַנגװײַליגע זאַך, װאָס פֿערשאַפֿט צופֿיעל טרחה, און זוכען אַזעלכע מיטלען, דורך װעלכע די אַרבּײטער זאָלען זיך מיט אײן מאָל און גיך בעפֿרײַען, אין פֿלוג זענען די עלעמענטען ניט מעהר, װי פּשוט שפּאָגעל-נײַע אויסגאַבען פֿון די אַלטע אוטאָפּיסטען, װאָס זײ לעבען ניט אין אָנהויב נאָר אין סוף פֿון 19-טען יאָהר-הונדערט. בּמילא, דאָס, װאָס בײ די אַלטע איז געװען אָריגינעל און געניאַל, קומט אַרױס בײ די איצטיגע אוטאָפּיסטען פּשוטע פּלוידערײַ, אַ חוץ דעם זענען זײ נאָך „קלײנער", ד. ה., פֿיעל אָרימער אין גײַסט און פֿאַנטאַזיע, און פֿון דעסטװעגען גלויבען פֿיעלע פֿון די, אַז זײ האָבען גאַנצע װעלטען ענטדעקט און האָבען געפֿונען אַ נײַעם „ענטספֿער" אויף די סאָציאַלע-פֿראַגע, אַ נײַע אַלגעמײנע רפֿואה אויסגעזוכט, װעלכע בעשטעהט אין די פֿעראײניגונג פֿון קאָנסום-פֿעראײנען מיט די פּראָדוקטיװ-גענאָסענשאַפֿטען, דאָס רעכענען זײ פֿאַר דעם אָנשפּאַר-פּונקט פֿון װעלכען זײ װילען אומבײַטען דעם גאַנצען קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס-אופֿן אָהן אַ שום געװאַלטיגע איבערקעהרעניש.

די מעשה דערפון איז גאַנץ פשוט, שווער און עדל. די אַרבייטער גרינדען קאָנסום-פעראיינען און בענוצען זייער רוח צו גרינדען גענאָסענשאַפטליכע בעטריעבע, וועלכע פּראָדוצירען אַלץ אַליין וואָס דער פעראיין בעדאַרף. וואָס גרעסער די קאָנסום פעראיינען ווערען, וואָס ברייטער עס ווערען די פּראָדוקטיוו-בעטריעבע, דאָס גרעסער איז זייער רוח, דאָס מעהר קאַפּיטאַל קענען זיי אָנקלייבען. און אויף אַזאַ אופן קענען זיי ביסלעכווייז אויסבייטען די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָן אויף פּראָדוקטיוו-גענאָסענשאַפטען.

די טעאָרעטיקער פון דיזער אידעע ווערען אין דייטשלאַנד די הערען בוש און ד״ר מילבערגער. דער ערשטער ערקלערט, דאָס צו אַ געשעפט דאַרף מען אייגענטליך ניט געלד, נאָר קונים, קונדשאַפט. סדוב קונים ווערען דאָך אַרבייטער, היינט ווען די אַרבייטער, אַנשטאָט צו קויפען ביי די קאַפּיטאַליסטען, וואָלטען געקויפט אין די אייגענע, גענאָסענשאַפטליכע קראָמען, וואָלטען דאָך די קאַפּיטאַליסטען מיט גאָר נישט געבליבען, און צו זייער עקספּלאָאַטאַציע וואָלט דאָך במילא געקומען אַ סוף.

„די גאַנצע קראַפט פון דער בורזשואַזיע ליעגט ניט אין איהר געלד, נאָר אין דעם רוח, וואָס איהר טראָגען איין איהרע געשעפטען, איהרע פירמעס, איהרע פערמיטלונג. לאָזט איהר, דער בורזשואַזיע, איהר ביסעל געלד, נאָר ניט איהר ניט די געלעגענהייט צו זיין אַ פערמיטלער צווישען פּראָדוקציאָן און קאָנסומציאָן (פערברויך), לאָזט איהר ניט מאַכען מסחרים, דאַן איז זי במילא טויט געשלאָגען, דען איהר פערשטאָפּט איהר דעם איינציגען קוואַל פון איהר רייכקייט און כח, אַלע מיטלען פון הערשונג, פון ווירקונג און שוחד ווערען איהר אָבגענומען. די הויפּט זאַך איז נור, אַז די אַרבייטער זאָלען אויפהערען געבען מתנות פּריוואַט-פערמיטלער דער מיט, וואָס זיי קויפען ביי זיי סחורה, נאָר זיי זאָלען זוכען אַריינצונעהמען אין זייער אייגענע הענד דעם קאָנסום, ווי אויך די פּראָדוקציאָן פון די סחורות. אמת, מיט דעם גוטען רצון פון איינציגע אַרבייטער קען מען נאָך גאָר ניט מאַכען. אָבער דאָס איז אָבהענגיג פון דעם גאַנצען אַרבייטער-קלאַס. קודם כל דאַרף יעדערער איינציגער אַרבייטער קויפען אַלע זיינע געברויכס-מיטלען אין דעם אייגענער קראָם, ד. ה. ביי דעם קאָנסום-פעראיין, ווען דער צאָהל פון אַרבייטער קונים וועט פערגרעסערט ווערען אויף אַזוי פיעל, אַז פיעלע אַזעלכע קראָמען וועלען

האָבען די מעגליכקייט זיך צו ענטוויקלען און פערשפּרייטען, דאַן קען מען רעכענען, אַז די רעפאָרמע איז שוין אין אידרע הויפט-פּונקט דורכגעפיהרט."

די קאָנסום-פעראיינען דאַרפען זיך לאָזען פיהרען מיט איין פּלאַן, געהאָרכען און הילפען. „דעם רוח, וועלכען די קליינע קאָנסום-קרעמלעך טראָגען איין, ווענדעט מען אָן צו גרינדען פאַבריקען און גרויסע מאַגאַזינעס; וועלכע קענען זיך ענטוויקלען און איינטראָגען גרויסע רוח, דאַנק די שטענדיגקייט און זיכערהייט פון די קונדען פון דיזע קאָנסום-פעראיינען. די אַרבייטער-גענאָסענשאַפטען וועלען אויף אַזאַ אופן אַריינקריגען אין זייערע הענד דעם גאַנצען פּראָדוקציאָנס און האַנדלונגס-לעבען, במילא וועלען צו זיי איבערגעהן אויך זייטיגע אונטערנעהמונגען, למשל: מאַשין-פאַבריקען, פערזיכערונגס-געזעלשאַפטען, באַנק-געשעפטען א. ז. וו., אויף וויפיעל זיי וועלען זיין נויטהיג". יעדער איינציגער אַרבייטער וועט 10 מאָל מעהר פערדינען, ווי ער פערדיענט היינט. און „דער מענשען-ווערגער און דריקער — די אָרעמקייט — וועט לסוף בעצוואונגען ווערען" (ערנסט בוש. „די סאָציאַלע פראַגע און איהר בעענטפערונג").

דיזע גראָסאַרטיגע לעהרע, וועלכע פיעלע סאָציאַל-פּאָליטיקער האָבען גענומען אונטער זייער שוץ, איז אַזאַ מין פּראַכט, אַז מען דאַרף טאַקי זיין אַ „פּאַרקאָכטער" און אַ גלויבעדיגער מאַרקסיסט, אום מיט איהר ניט אַיינצושטימען. דיזע „דאָגמאַטיקער"*) זענען אין אָמת'ן גרויסע עקשנים און גלויבען נאָך טאַקע אין מעהר-ווערטה, און רעזערווע אַרמעעס און אין די צוזאַמען-זאַמלונג פון קאַפּיטאַל, און דעריבער זענען זיי מקבל-פּנים די נייע רפואה-לעהרע מיט אַ נאַיינפאַכען געלעכטער.

דער לוין אַרבייטער שאַפט אַ מעהר-ווערטה, וועלכער געהט איבער אין גאַנצען צום קאַפּיטאַליסט. ער אַרבייט אויס שטענדיג מעהר, ווי פיעל ער פערברויכט, דאָס ענדערט זיך ניט אום אַ האָר ניט, ווען דער גאַנצער אַרבייטער-קלאַס קויפט אַלץ, וואָס ער דאַרף.

---

*) דאָגמאַטיקער—(פון וואָרט דאָגמע—כלל, וועלכען מ'האַלט פאַר אמת און פאַר אייביג, ניט נאָכפאָרשענדיג, אויף ווי ווייט ער איז אמת און אייביג)—מענשען, וואָס גלויבען אין געוויסע כללים (דאָגמען), וועלכע זיי האַלטען פאַר אייביגע.

געזעלשאַפֿטליך און אַפֿילו אויך דאָן ניט, ווען ער פּראָדוצירט עס געזעלשאַפֿטליך. הײַנט צוטאָג פּראָדוצירן די קאַפּיטאַליסטן פֿאַר'ן וועלט־מאַרק, דער קאָנסום (פֿאַרבראַוך) פֿון די אַרבײַטער איז מער ניט ווי אַ טהײַל פֿון דעם אינערלײַנדישן־מאַרק, אין יעדען פֿאַל, דערמיט וואָס די קאַפּיטאַליסטן וועלן פֿערליערן די אַרבײַטער קונ־דען, וועלען זיי נאָך נאָר ניט אַזוי טויט געשלאָגן, דען זיי האָבן נאָך גענוג צו שאַפֿן פֿאַר די רעגירונג, פֿאַר די בורזשואַזיע און איהרע פֿאַראַזיטן.

אָבער די קאָנסום־געזעלשאַפֿטן קענען ניט אָרגאַניזירען דעם גאַנצען קאָנסום אַפֿילו פֿון די אַרבײַטער אַליין אויך ניט. די אַרבײַטער פֿאָדערן דאָך מיט'ן באָהן אויך. ט איז דאָס אַ סברה, אַז דערמיט, וואָס זיי קויפֿן זייערע לעבענס־מיטלען בײַ די קאָנסום־פֿער־נען, וועלען זיי דערמיט איבערגעבן שינעס־וואַגאָנען — לאָקאָמאָ־טיף־ פֿאַבריקען?

ווען מען וויל זיך אָבער גוט צוקוקען, וועט מען זעהן, אַז נאָר דער קליין־האַנדעל בעגענעט די דירעקטע און פֿערזענליכע בעדערפֿני־שען פֿון דעם אַרבײַטער, די קאָנסום־ און פּראָדוקטיוו־געזעלשאַפֿטן נעהמען ניכער אָב די קונים בײַ קליין־הענדלער, ווי בײַ די גרויסע קאַפּיטאַליסטן, און אויף אַזאַ אופֿן דינען זיי ניט צו פֿערקלענערן דעם פּראָלעטאַריאַט, נאָר להיפֿך, צו פֿערגרעסערן זײַן צאָהל. ניט די גרויסע קאַפּיטאַליסטן דערײַבער, נאָר די קליינע הענדלער און בעלי־מלאכות פֿיהרען אַ ביטערע מלחמה אַנטקעגען די געזעלשאַפֿטן, עס איז דאָך נאָר צום לאַכען, ווען די אָנטיסימיטען וואַרפֿן פֿאַר דער סאָצ. דעמ., אַז זי טרעט אַרויס אַנטקעגען די פּראָדוצירענדע קלאַסען און ניט אַנטקעגען די פֿאַרמיטלער! פֿון וועלכע טיילען פֿון דער גע־זעלשאַפֿט נעהמען זיך די אַנטיסעמיטען? וואָס זענען אָט די אַלע קרע־מערלעך, שײַנקערס, קצבים א. ז. וו. — פּראָדוקטיווע־קלאַסען, אָדער צווישען־הענדלער? און די קליינע בעלי מלאכות וואָס זענען דען אַנדערש, ווי ניט לאַטוטניקעס, אָדער פֿערמיטלער צווישען פֿערבראַויך און דעם פֿערבראַויכער! און טאַקי דערפֿאַר, ווײַל דער הויפּט־קרן פֿון די אַנטעסעמיטען בעשטעהט פֿון קליינע פֿערמיטלער, זענען זיי אַזוי אויסגעקאָכט אַנטגעגען די יודישע סוחרים, פֿערמיטלערס און פֿעדלערס. די קריסטליכע „פּראָדוקטיווע־קלאַסען" ווילען כאָר זיך האַלטען די פֿערמיטלונג, ד. ה. אַליין עקספּלואַטירען די קריסטליכע אַרבײַטער.

דעריבער טרעטן זײ אַרױס אױף אַ מאָל אַנטקעגן די „אונמאָראַלישע״ פערמיטלונג, װי אױך אַנטקעגן די אַרבײטער־קאָנסום פעראײנען, װעלכע, אמת געזאָגט, האָבען װעדער פערזינדיגט דערמיט, װאָס זײ, דיזע קאָנסום־פעראײנען, זוכען צו בעגרענצען ניט נור אַלײן דעם ידי־שען צװישען האַנדעל, נאָר אױך דעם קריסטליכען. אױך אין דײטשלאַנד זעהען מיר, אַז דוקא מאַכן די פּאַרטײען, װעלכע האַלטען אין אײן שרײען און זידלען דעם „בעװעגליכען קאַפּיטאַל״ און דעם האַנדעל און װעלכע אין טעאָריע שטעהען מיט לײב און לעבען פאַר די פּראָדוצירענדע קלאַסען, זענען אין אמת׳ן, אָבער די פײערדיגסטע אונטערשטיצע פון צװישען־האַנדעל. דיזע פּאַרטײען פיהרען די מלחמה אַנטקעגען די גענאָסענשאַפטען מיט נאָר װאָס פאַר אַ מיטעל זײ קענען, װײל זײ מוזען זיך רעכענען מיט די קלײן־בורזשואַזנע עלעמענטען, פון װעלכע זײ זענען צוזאַמענגעזעצט. פאַר דיזע עלעמענטען איז דער צװישען האַנדעל די אײנציגע ישועה, װעלכע האַלט זײ נאָך אָב פון צו װערען פּראָלעטאַריער. נאָר זײער שנאה צו די גענאָסענשאַפטען איז זײער קורצזיכטיג, װאָרום װאָס זײ זאָלען ניט טהאָן — דער גרױס־בעטריעב בעגראָבט זײ דאָך סײ װי סײ. די גענאָסענשאַפטען זענען ניט מעהר װי אַ בעזונדער מין גרױס־בעטריעב און דערצו אַזאַ, װעלכער האָט האָטש זײן נוטצען צו פאַר די, װעלכע װעלען ניט װערען. הײנט — מאָרגען פּראָלעטאַריער: ס׳איז דאָך פיעל בעסער פאַר זײ צו װערען עקספּראָפּריאירט*) פון די גענאָסענשאַפטען, אין װעלכע זײ אַלײן װעלען קענען האָבען אַן אַנטהײל, אײדער צו װערען בערױבט פון די קאַפּיטאַליסטען. אָבער די שנאה פון די קלײן־בורזשואַזיע צו די גענאָסענשאַפטען װײזט אונז, װאָס פאַר אַ גראָבען טעות ס׳האָבען די, װעלכע גלױבען, אַז די גענאָסענשאַפטען ברײנגען מעהר װי אַלעמען שאָדען די קאַפּיטאַליסטען.

אָפט טרעפט זיך, אַז די קאַפּיטאַליסטען אַלײן גרינדען קאָנסום־גענאָסענשאַפטען פאַר זײערע אַרבײטער (װי קרופּ אין דײטשלאַנד). אמת, אַזעלכע קאָנסומען זענען נאָר ניט זעלטען מעהר, — װי פערבאָרגענע אונטערנעהמונגס־שװינדעל, װאו דער בעל־הבית צאָהלט די אַרבײטער מיט סחורה, נאָר ניט שטענדיג פון דעסטװעגען איז דאָס אַזױ. פאַר׳ן פאַבריקאַנט אַלײן איז בעסער, װען זײנע אַרבײטער װערען ניט בע־

*) עקספּראָפּריאירען, הײסט צונעהמען דאָס גוט׳ס.

ריסען פון די צווישען־הענדלער; וואס בעסער זיי וועלען געשפייזט און געקליידט, דאס בעסער ארבייטען זיי און דערצו נאך אהן שכירות פערטרעטערונג.

די קאנסום־געזעלשאפטען דערגרייכען זייער ציעל דורך ארבייטס־איינשפארונג. אין דער היינטיגער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט הייסט דאס אבער ניט פערקלענערען די ארבייטס־צייט נאר דאס הייסט פערקלענערען דעם צאל פון די בעשעפטיגטע ארבייטער, פערמעהרען די רעזערווע ארמעע פון דעם פראלעטאריאט. די קאנסום־געזעלשאפט קען אויף אזא אופן נאך ניט גערעכענט ווערען פאר'ן בעסטען מיטעל, ווי פטור צו ווערען פון אלע ארימקייט.

ווען ארבייטער־פערברויך הייסט אויף קיין אופן ניט פערברויך פון אלע קאפיטאליסטישע אויסגעארבייטע סחורה, זא בעדייטען די קאנסום־געזעלשאפטען נאך ניט אפילו די ארגאניזאציאן פון די קונדשאפט פון אלע ארבייטער. איינע פון די ווארצלען, וועלכע ערנעהרען נאך ביז היינט דעם קליין־האנדעל, האטש זיינע אויסגאבען וואלטען געקאנט אהן איהם פיעל בעסער און וואלוועלער אויסגעפיהרט ווערען, איז דער קרעדיט, ניט נאר דער, וועלכען ער בעקומט, נאר אויך דער, וועלכען ער גיט אנדערע.

די ביידע מינים פון קרעדיט זענען ווירקונגען פון איבער־פראדוקציאן און פאר דעם נאכיאגען זיך נאך קונדען. פאר א גרויסען טייל פראלעטאריער, פאר די גרויסע קבצנים, איז דער קרעדיט פון קליין־הענדלער א גרויסע שטיצע. צום קרעדיט קומען אן די, וועלכע געפינען ארבייט נאר צייטענווייז. אהן קרעדיט וואלטען זיי אפשר געשטארבען פון הונגער אדער גאר מוזען געהן גנבה'נען.

זיי דארפען דעם קליין־הענדלער, ווי ער דארף זיי. ארגאניזירען פון אזעלכע קונים קאנסום־געזעלשאפטען איז אונמעגליך; דען אזעלכע פעראיינען קענען נאר עקזיסטירען, ווען זייערע קונדען צאהלען זיי במזומנים. מען קען געוועהנליך א מאל אויסהעלפען עטליכע מיטגלידער, פערלייכטערען זיי, ווען זיי געפינען זיך אין א נויט, האטש דערמיט, וואס מען פעררעכענט זיי דעם רוח, וואס זיי וועלען דארפען בעקומען, נאר איינפיהרען א ברייטען קרעדיט איז אונמעגליך פאר די קאנסום־פעראיינען, ווארום אין דעם פאל וועלען זיי זיך ניט קענען ענטוויקלען, פונקט ווי די פראפעסיאנעלע פעראיינען, קענען

אױך די קאָנסום-גענאָסענשאַפֿטען צו זיך צוציהען. די שטאַנד פֿון די אַרבײטער, אָבער ניט. די גאַנצע אַרבײטערשאַפֿט.

אַזױ װעט עס דױערען אַם װעניגסטענס, ביז װאַנען עס. װעט ניט אַראָפּקומען אַ ישועה פֿון דער זײט, ד. ה., דורך דעם, װאָס די מלוכה װעט זיך אַרײַנמישען און װעט אַײנפֿירען אַ נײַעם אָרדנונג. װעלכער װעט אין גאַנצען בטל מאַכען דעם לומפּען-פּראָלעטאַריאַט און אױפֿהײבען אױף די מדרגה פֿון אַרבײטער אַריסטאָקראַטען אַלע די, װעלכע אַרבײטען פֿאַר בעטלערשע שכירות, נאָר אַזאַ פֿעראָנדרונג װעט מסתמא אױספֿאַלען מיט די אָבשאַפֿונג פֿון פּראָלעטאַריאַט אין גאַנצען.

דאַן װעלען מיר דאָך האָבען צו טהון מיט אַ גאַנץ נײַער געזעלשאַפֿט. דאָ אָבער האַנדעלט זיך אום צו װיסען, װאָס פֿאַר אַ װירקונג די קאָנסום-גענאָסענשאַפֿטען קענען האָבען בײַ די הײַנטיגע קאַפּיטאַליסטישע פֿערהעלטניסע, און דאָ בלײַבט דער כלל, אַז אַ היבשער טײל פֿון פּראָלעטאַריאַט קען ניט, צוליעב זײַן קלאַסען-לאַגע געהערען צו די קאָנסום-גענאָסענשאַפֿטען.

אומגעקעהרט, יעדער, װעלכער קען נאָר צאָהלען במזומנים, קען זיך בענוצען מיט דיזע גענאָסענשאַפֿטען. און אין אמת'ן טאַקי װענען דאָס נאָר ניט די אַרבײטער, נאָר בעאַמטע, אָפֿיצערען, בורזשועס וכדומה, װעלכע בענוצען זי אױף'ן בעסטען אופֿן. װען די גענאָסענשאַפֿטען װאָלטען באמת אונטערגראָבען די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג, דאַן דאַרפֿען מיר זאָגען, אַז די בורזשואַזנע בעלי-הבית'שעם העלפֿען דערצו נאָך פֿיעל בעסער, װי די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אַרבײטער. משטײנס געזאָגט, די פּראָלעטאַריער װעלען בעפֿרײַט װערען דורך דעם, װאָס די קאַפּיטאַליסטען, צוליעב זײער נאַרישקײַט, װעלען זיך אַלײן אַ מיתה אָנטהון דערמיט, װאָס זײ לאָזען אַלײן פֿון זיך אַװעק זײערע קונדען.

אמת, מיר האָבען פֿערגעסען נאָך מיט אײן זאַך זיך צו רעכענען, די קאָנסום-געזעלשאַפֿטען, חוץ דעם, װאָס זײ אָרגאַניזירען די נדשאַפֿטען פֿון די אַרבײטער, ברײנגען זײ נאָך דערצו אַ רוח אױך;

'ן דאָס, װאָס מען װעט ניט דערגרײכען מיט דער ערשטער ד. ה. מיט די רגאַניזאַציאָנען פֿון די קונדשאַפֿט, װעט מען דערגרײכען מיט דעם רוח, װען דיזע פֿעראײנען, אַנשטאָט צו צוטײלען דעם רוח צװישען די מיטגליעדער, װאָלטען איהם אַרײַנגעלעגט אין געשעפֿט, כדי איהם צו פֿערברײטערען, צו גרינדען נײַע פֿאַבריקען און זאַװאָדען, װאָלט

דאך דער שותפות'דיגער קאפיטאל אויף אזוי פיעל אויסגעוואקסען און אנגעזאמעלט זיך, אז ער וואלט איינגעשלונגען דעם פריוואט־קאפיטאל.

דיזער חשבון איז אזוי ריכטיג, פונקט ווי יענער, וואס מען רעכענט אויס, וואס פאר א גרויסען קאפיטאל מען וואלט היינט געקענט בעקומען, ווען מען וואלט אוועקגעלייגט א קאפיקע אויף פראצענט־פון פראצענט אין דעם טאג, וואס יעזוס איז געבוירען געווארען. ווען אין יענער צייט וואלט מען געגרינדעט אזעלכע קאנסום־גענאסענשאפטען, ווען דער פעראיין וואלט די גאנצע צייט מאכען גוטע געשעפטען און דעם רוח וואלט ער פערטהון אויף צו פערבעסערען דעם געשעפט, דאן וואלט בלי ספק אזא פעראיין אויף אזוי פיעל רייך געווארען, אז ער וואלט געקענט היינט די גאנצע ערד און אלץ וואס אויף איהר געפינט זיך אבקויפען. דער אונגליק איז אבער, וואס אונזערע גענאסענשאפט־פאנטאזיארען האבען זיך פערשפעטיגט כמעט אויף גאנצע 19 הונדערט יאהר, און די צרה איז, וואס זייער חשבון מאכען זיי אין אזא געזעלשאפט, וואו דער קאפיטאל האט שוין כמעט די גאנצע וועלט איינגענומען און פון יאהר צו יאהר פערגרעסערט ער זיך אויף אזוי פיעל, אז די קאפיטאליסטען ברעכען זיך דעם מח, זוכענדיג נייע ערטער פאר דעם צוואקס פון זייער קאפיטאל. און דיזעס משונה'דיג גרויסען קאפיטאל וויל מען אנטקעגען שטעלען דעם רוח פון עטליכע קאנסום־גענאסענשאפטען! דאס וואלט טאקי געווען א קאמפף פון א דערוואקסענעם ריעז מיט א צוויי־יעהריגען קינד.

ווי די פרוי וועבב ווייזט אויף אין איהר בוך איבער די ענגלישע קאנסום־גענאסענשאפט־בעוועגונג, איז אין ענגלאנד און שאטלאנד, וואו די גענאסענשאפטען זענען מעהר ווי אומעטום ענטוויקעלט, אין יאהר 1889 געוועזען ארגאניזירט 1389 קאנסום־פעראיינען מיט 961,000 מיטגליעדער. די אלע פעראיינען צוזאמען האבען געהאט א שענעם רוח פון 33 מיליאן רובל, דאס קלינגט זעהר פיין, נאר אין זעלבען יאהר האט זיך אין ענגלאנד געגרינדעט 2788 אקציאנערע געזעלשאפטען מיט א קאפיטאל פון 2,316 מיליאן רובל.

די 33 מיליאן רוח, וואס די גענאסענשאפטען האבען געהאט, איז אבער דאס רוב איינגעטוכען פון צווישען האנדעל. ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס זיי זענען פעראייניגט אין 2 גרויס־איינקויפס־גענאסענשאפטען, די ענגלישע און די שאטלענדישע, וועלכע האבען צוזאמען לערך 1 מיליאן מיטגליעדער און 1,200 פעראיינען, קענען

די גענאָסענשאַפֿטען נאָר אַ גאַנץ קלײנעם טײל פֿון די סחורה אַלײן פּראָדוצירען, װײל די קונדשאַפֿט פֿון די אַרבײטער פֿון אײן לאַנד אַלײן איז צו קלײן פֿאַר אַ הײנט-מאָדערנע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעהמונג. אַזאַ אונטערנעהמונג דאַרף פֿאַר זיך האָבען דעם װעלט-מאַרק, װאָס די קען אין גאַנצען ענטװיקלען איהר פּראָדוקטיװ-קראַפֿט.

„די פֿרײװיליגע קאָנסום-פֿעראײניגונגען — זאָגט פּרױ װעב, אַ הײסע אָנהענגערין פֿון די גענאָסענשאַפֿטען — מוזען זיך אין אָמת'ן בענוגענען מיט צושטעלען אַזעלכע סחורות, װעלכע זענען נױטיג פֿאַר דעם פֿערזענליכען געברויך, אָבער װעלכע זענען ניט דוקא אַזױנע, אָהן װעלכע מען קען זיך קײן מאָל ניט בעגעהן און אויף זײער אויסאַרבײטונג זאָל מוזען דוקא אַ מאָנאָפּאָל עקזיסטירען. אין יעדען פֿאַל מוז די נאָכפֿראַגע זײן אויף זײ גענוג גרױס און אַ שטענדיגע. אין הײנטיגער געזעלשאַפֿט קען נאָר אַ בעגרענעצטער טײל פֿון פֿאָלק נעהמען אַנאַנטײל אין די קאָאָפּעראַטיװ-געזעלשאַפֿטען, דער טײל, װעלכער איז ניט צו רײך און ניט צו אָרים פֿאַר אַזאַ דעמאָקראַטישע זעלבסט-פֿערװאַלטונג".

די גענאָסענשאַפֿטליכע פּראָדוקציאָן איז אין נאָך מעהר אײנגערערע ראַמען אײנגעשמידט. „װעהר אַ קלײנע-טהײל פֿון די סחורה (װעלכע די אַרבײטער פֿערברױכען) קען אויסגעאַרבײט װערען דורך די פּראָדוקטיװ-געזעלשאַפֿטען. דער הױפּט-טהײל פֿון די סחורה, װעלכער דער אַרבײטער פֿערברױכט (לעבענס-מיטלען, טאַבאַק א. ז. װ.), װערט אַרײנגעפֿיהרט פֿון אױסלאַנד. פֿון זײן איבעריגען געברױך דאַרף מען נאָך אַראָבּרעכענען דאָס, װאָס ער ניט אויס אויף אַלטע זאַכען, װעלכע די רײכע קלאַסען האָבען שױן גענוצט; און װי בעקאַנט, איז דער געברױך פֿון אַלט-װערק װעהר פֿערשפּרײט צװישען די אַרבײטער. לסוף האָבען מיר נאָך אַן עקאָנאָמישען גרענעץ פֿיר יעדע פּראָדוקציאָן, ד. ה. די נאָכפֿראַגע דאַרף גענוג גרױס זײן, כּדי עס זאָל לוינען אַ בעשטימטען אַרטיקעל אויסצואַרבײטען. צום בײשפּיעל „די פֿעראײניגטע גרױסהאַנדלונג-געזעלשאַפֿט", װאָטש זי איז גאַנץ נאָהנט פֿון הױפּט פּונקט פֿון באַװעל-פֿאַבּריקאַציאָן (מאַנטשעסטער) האָט זיך ניט געפֿיהלט בכח אַלײן אונטערנעהמען די פּראָדוקציאָן פֿון באַװעלנע שטאָף. די אַרבײטער פֿערברױכען װעהר פֿערשידענע מינים שטאָף. דערפֿון קומט אַרױס, אַז די פֿאָדערונג אויף אײן מין שטאָף איז אַזױ קלײן, אַז עס לוינט נאָר ניט איהם צו פֿאַבּריצירען.

אפילו אין דער הויפט־פאבריק אויך ניט. דיעזער גרענעץ פון דער פראדוקציאן איז א גרויסע שטערענעש פאר א דעמאקראטישע פאבריקאציאן" (ב. סידני וועב. „די ענגלישע גענאסענשאפטס־בעוועגונג").

מיר זעהען, אז די נייע גענאסענשאפטען, וועלכע בעארבייטען אליין אלץ, וואס זיי דארפען, זענען ניט אין כח, פונקט אזוי ווי די אלטע, וועלכע זענען געוועזען נאר האנדלונגס־געזעלשאפטען, צו בעענטפערען די סאציאל־פראגע, צוצוברעכען די מאכט פון קאפיטאל. פון דעם אלעם איז נאך אבער ניט געדרונגען, אז די גענאסענשאפטען האבען קיין שום בעדייטונג ניט און מען דארף זיי אין גאנצען אוועקווארפען. אזוי קלערען וואלט דאס הייסען קוקען אויף די גענאסענשאפטען פונקט אזוי אוטאפיסטיש, ווי די אנארכיסטען אדער אנדערע קאנסום־פעראיינס־פאנטאזיארען.

דאס, וואס מיר האבען גערעדט ענטקעגען די קאנסום־פעראיינען, האט מען אויך געקענט זאגען ענטקעגען דעם פאליטישען און פראפעסיאנעלען קאמפף פון פראלעטאריאט, ענטקעגען וואהלען, ענטקעגען שטרייקען, צייטונגס־פראפאגאנדע א. ז. וו. ווי מען האט שוין טאקי דאס פראבירט. קיינע פון די דאזיגע טהעטיגקייטען אליין איז ניט בכח צו פערענטפערען די סאציאלע פראגע. דאס בעווייזט אונז אבער מעהר ניט ווי דאס, אז אזא איין איינציגער מיטעל איז דערצו ניטא.

די בעפרייאונג פון ארבייטער־קלאס קען ניט ארויסקומען פון אנאיין איינציגער אלוועלטליכער רפואה. דאס קען נאר זיין א פראדוקט, א רעזולטאט, פון דעם קאמפף פונ'ם ארבייטער־קלאס פאר זיין לעבענס־פערבעסערונג, א קאמפף אויף אלע זייטען. וואו נאר ער איז נויטיג און מעגליך, און מיט אלע מיטלען, וועלכע קענען ברענגען צום ציעל. דער קאמפף דארף זיך ניט בעגרענצען נאר אויף איין געביעט און מיט איין מיטעל. דער פראלעטאריאט דארף שטענדיג טראכטען צו ערפינדען נייע הילפס־מיטלען און פערשפרייטען דעם קאמפף אויף אלע זייטען. ער מוז קלערען שטענדיג, ווי צו פיהרען די מלחמה מיט מעהר ענערגיע אין דער זייט, וואו דער נצחון איז מעהר זיכער. דערצו דארף ער זיך ניט לאזען פיהרען פון דאקטרינאריזמוס (ד. ה. גלויבען אין אזעלכע כללים, וועלכע בייטען זיך קיינמאל ניט אום), נאר ער דארף מיט אפענע

אײנען קוקען און בעטראַכטען די װירקליכע, זיך שטענדיג אומבײ־טענדע פערהעלטעניסען. ניט אַלע מאָל און ניט אומעטום זענען אין קלאַסען־קאַמפּף די זעלביגע הילפס־מיטלען גוט, און דער פּראָ־לעטאַריאַט װעט ניט אויף איין מאָל נעמען שטאַרק און פעהיג זײן צו פיהרען דעם קאַמפּף מיט נצחון אויף אַלע זײטען. ער דאַרף שטענדיג פּראָבירען זײנע װאָפען, בעטראַכטען דאָס קאַמפּפס־פעלד, פערלאָזען אַלע מיטלען, װעלכע האָבען אַמאָל גוט געטויגט, און אויסזוכען נײע, װעלכע װאָלטען אפשר בײ אַנדערע אומשטענדען טויגען אויף כפּרות, אָדער אפשר ניט דערגרייכט דעם ציעל, נאָר הײנט זענען זײ הקא גוט.

אַט פון דיזען שטאַנדפּונקט דאַרפען מיר אויך בעטראַכטען די קאָנסום־פעראײנען. מיר דאַרפען ניט פרעגען, אויב זײ קענען אין גאַנצען ברײנגען די רפואה שלמה צו דער סאָציאַלער פראַגע, נאָר מיר דאַרפען זיך פרעגען אויב מען קען זײ אויך און אויף װי פיעל מען קען זײ אַנװענדען אַלס איינע פון די מיטלען אין קלאַסען־קאַמפּף פון דעם פּראָלעטאַריאַט. אויף דיזע פראַגע װעלען מיר זוכען צו געבען אַ תירוץ.

II.

מען זאָגט, אַז די קאָנסום־פעראײנען ברײנגען צװײערלײ נוצען דעם פּראָלעטאַריאַט: עקאָנאָמישע און מאָראַלישע. חוץ דעם, װאָס זײ שאַפען איהם װאָהלפײלערע און בעסערע סחורה און דערצו נאָך אַ ביסעל רוח, זענען זײ די בעסטע שוהלע פון אחדות און פון דעמאָ־קראַטישע פערװאַלטונג. על כן ענטװיקלען זײ אין דעם פּראָלעטאַריאַט דעם סאָציאַליסטישען געדאַנק און געפיהל. אַזוי זאָגען די ניכטע־רנע פרײנד פון די קאָנסום־פעראײנען.

ניט מיר װעלען לײקענען, אַז די מאַסע פון פּראָלעטאַריאַט בעדאַרף נאָך געװיסע ערציהונג, כדי זי זאָל צײטיג װערען פאַר׳ן סאָציאַליזמוס. אָבער װאָס־װאָס, די ערציהונג פון די עטהיקער, װעלכע קוקען אויף די אַרבײטער, װי אויף קלײנע חדר־יונגלעך, און אויף זיך, װי אויף זײערע רבײם, איז פאַר אונז זײער אַ ספקה־דיגע. צו יעדער מאָראַלישע ערציהונג פון דערװאַקסענע איז פאָראויסגעזעצט, אַז דער ערציהער האַלט זיך מאָראַליש העכער און קוקט פון אויבען

אראב אויף די, וועלכע ער ערציהט. ווי נאר גוט און פשוט דאס מעג
זיין געמיינט ביי דעם אדער יענעם עטהיקער, סוף כל סוף פיהרט דאס
דאך צו א צבועיאקיש גלחישע גאוה פון דעם עטהיקער, וועלכער דאנקט
דעם אויבערשטען אדער איך ווייס ניט וועמען דערפאר, וואס ער
איז ניט אזא בעל־עבודהניק ווי אנאנדער מארקסיסט רחמנא לצלן.

די בעסטע שוהלע, פון וועלכע ערוואקסענע קענען האבען א
פעולה, איז דאס לעבען אליין. אידר אמונה, אידר געוויסהייט, אז
דער פראלעטאריאט ווערט פון טאג צו טאג צייטיגער פארן סאציא־
ליזמוס, שעפט די סאציאל־דעמאקראטיע אין דעם פאקט, וואס די
לעבענס־פערהעלטניסען פון היינטיגען פראלעטאריאט וועקען אין איהם
אויף די פאליטישע מדות, וועלכע מאכען זיכער זיין גאנצען נצחון
אין דער מלוכה, און וואס די אייגענע פערהעלטניסען רופען ביי איהם
ארויס די שטרעבונגען אנצווענדען זיין מאכט, כדי צו ערקעמפפען
אלעם גוטס, אלע וואונדערס פון דער היינטיגער קולטור.

מיר געהערען ניט צו די, וועלכע מיינען, אז ווי באלד די אר־
בייטער זענען ביי געוויסע צופאלען בעסערע פאליטיקער ווי אנדערע
קלאסען, זענען זיי שוין צוליעב דעם אליין אויך די בעסטע קונסט־
קריטיקער, די טיעפסטע פילאזאפען, די בעסטע דאקטוירים א. ז. וו.

דעם פראלעטאריאט, ווי יעדען אנדער מענש, ערציהען די
לעבענס־פערהעלטניסען; צווישען דיזע פערהעלטניסען שפיעלען אבער
א גרויסע ראלע די ארגאניזאציאנען, אין וועלכע דער ארבייטער נעהמט
אנטהייל; אויך די קאנסום־פעראיינען האבען א גרויסע ווירקונג אויף
זיין כאראקטער און זיינע פעהיגקייטען.

מען זאגט, אז פעראיינען ענטוויקלען דעם געפיהל פון אחדות,
אבער דאס איז ווייניג; דער געפיהל פון אחדות איז אזוי אלט און
אפשר נאך פיעל עלטער פאר די מענשהייט אליין; ער איז שוין
געוועזען ביי דער מענשהייט, בשעת זי איז נאך געשטאנען אויף דער
מדרגה פון אפען (מאלפעס). דעם געפיהל בעגעגענט מען שטענדיג
און אומעטום.

פערשיעדענע געזעלשאפטען אונטערשיידען זיך איינע
פון די אנדערע נאר דערמיט, וואס זיי האבען אדער האבען ניט דעם
געפיהל פון אחדות, נאר מיט דעם אינהאלט און אומפאנג פון דיזען
געפיהל.

דער היינטיגער פראלעטאריאט אבער קען נאר דערפאלט

פֿיהלען זײַן װעלט־היסטאָרישע אױפֿגאַבע, װען דײַן געפֿיהל פֿון אַח-
דות ענטװיקעלט זיך אַזױ װײַט, אַז ער נעהמט אַרום די גאַנצע אַרבײ-
טערשאַפֿט פֿון אַלע קולטורעלע לענדער; אַזאַ מין אַחדות קען ניט
פֿעראײניגט װערען מיט אַנדערע, מעהר בעגרענעצטע מינים פֿון אַח-
דות. די צעכען און מאַרק־קהילות פֿון מיטעלאַלטער האָבען ענטװיקעלט
װעהר אַ שטאַרקען געפֿיהל פֿון אַחדות. אָבער דיזער געפֿיהל האָט
פֿון דעסטװעגען נאָר ניט אַרױסגערופֿען אָדער פֿאָרגעטרײַט דעם הײַנ-
טיגען סאָציאַליזמוס. ער איז אַדרבא געװען דער היפּך פֿון איהם.

עס איז דעריבער ניטאָ קײַן גרעסערע נאַרישקײַט, װי צו מײנען,
אַז דערמיט, װאָס מען װעט יעצט צוריק אײַנפֿיהרען דעם מיטעלאַל-
טערישען קהל'שען אײַגענטום, װעט מען די בױערן אײַנפּלאַנצען סאָ-
ציאַליסטישע אידעען.

די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע אַחדות װערט שטאַרקער
פֿאַר אַלץ ענטװיקעלט דורך די װעלבסטשטענדיגע פּאָליטישע טהעטיג-
קײַט פֿון אַרבײַטער־קלאַס. דאָס בעװײַזט אונז דער װאוקס פֿון דער אינ-
טערנאַציאָנאַלער אַחדות, װעלכע ענטװיקעלט זיך פּונקט אױף אַזױ
פֿיעל, אױף װי פֿיעל עס װאַקסט די װירקענדע קראַפֿט און קלאָרהײַט
פֿון די טהעטיגקײַט פֿון די אַרבײַטער־פּאַרטײַען אין פֿערשידענע
לענדער.

די פּראָפֿעסיאָנעלע בעװעגונג ענטװיקעלט אױך אַ אינטערנאַ-
ציאָנאַלע אַחדות, נאָר קודם כל צװישען אַרבײַטער פֿון דעם װעלבען
פֿאַך. זי רופֿט אַרױס דערבײַ אַ פֿערלאַנג, אַ שטרעבונג צו אַ מין צע-
כישע אָבטײלונג פֿון די אַרבײַטער פֿון פֿערשידענע מלאכות, און די
אָרגאַניזירטע פֿון די ניט־אָרגאַניזירטע.

דער פֿערעסענער מיטגליעד פֿון אַ פּראָפֿעסיאָנעלען פֿעראײן
הױבט זיך אָן צו קוקען פֿון אױבען אַראָב ניט נאָר אױף די, װעלכע
װילען ניט צושטעהן צו דער אָרגאַניזאַציאָן, נאָר אַפֿילו אױף די,
װעלכע קענען דאָס ניט טהון. די פֿערבינדונג פֿון אײן זײַט ברײנגט
צו אַגאָבשײדונג פֿון דער אַנדערער זײַט.

די שלעכטע זײַטען פֿון דער פּראָפֿעסיאָנאַלער בעװעגונג װײַזען
זיך אָבער נאָר ניט, אָרטער װעהר װעלטען דאַרטען, װאו עס איז דאָ
אַ שטאַרקע, װעלבסטשטענדיגע פּאָליטישע אַרבײַטער־בעװעגונג. װיל
מען זיי גוט בעטראַכטען און שטודירען — דאַרף מען זיך װענדען

צו אַזוינע לענדער, וואו עס איז ניטאָ אַזאַ פּאָליטישע אַרבייטער־בע־וועגונג. גוט זעהען קען מען זי אין ענגלאַנד און אַמעריקאַ.

ווי שטעהט עס אָבער מיט די קאָנסום־גענאָסענשאַפטען? זיי ווערען ניט אַזוי איינגעגרענעצט, ווי די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען, אָבער, ווי מיר האָבען שוין געזעהען, קענען צו זיי האָבען אַ צוטריט ניט אַלע טיילען פון פּראָלעטאַריאַט, דערצו נאָך קענען זיי גאָר ניט קיין ריינע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציאָנען. אַ קאָנסום־פעראיין, כדי ער זאָל קענען עקזיסטירען און בליהען, פאָדערט וואָס מעהר קונדען, וואָס זאָלען קענען צאָהלען נאָר במזומנים. ווי מיר ווייסען, פעהלט דעם פּראָלעטאַריאַט אין גאַנצען די מעלה. וואו נאָר עס ווענדט זיך אָן די עקאָנאָמישע אינטערעסען פון קאָנסום־פעראיין, מוזען געוועהנליך די מיטגליעדער זעהען קריגען וואָס מעהר נייע קונדען, וועלכע זאָלען וואָס מעהר קענען קויפען און דערביי צאָהלען במזומנים. דורך דעם קאָנ־סום־פעראיין ענטוויקעלט זיך אַ געוויסע אחדות צווישען דעם בורזשוי־אַזנעם און פּראָלעטאַרישען מיטגליעד, אין דער זעלבער צייט ענט־וויקעלט זיך אָבער אויך אַ שפּאַלטונג פון פּראָלעטאַריאַט גופא אויף 2 חלקים, איינער אַנ׳אַריסטאָקראַטישער, וועלכער צאָהלט במזומנים, דער אַנדערער, דער המון, וועלכער לעבט אויף באָרג.

עס איז דוקא ניט דער מין אחדות, וועלכען עס דאַרף דער קעמפפענדער פּראָלעטאַריאַט. וואָס איז אָבער דער תוכן פון די אחדות, וועלכעס עס ענטוויקעלט זיך אין די קאָנסום־פעראיינען? דער פּאָ־ליטישער קאַמפּף און נאָך מעהר דער פּראָפעסיאָנעלער, פאָדערט, כדי ער זאָל זיך איינגעבען, אַז יעדער איינציגער זאָל זיין איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען צום כלל, ער זאָל זיין גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר זיינע חברים — מעלות, וואָס רופען גאַנץ אָפט אַרויס ביי סטרייקען און וואַהלען פּשוט וואונדער פון העלדישקייט. קיינער וועט ניט זאָגען, אַז די קאָנסום־פעראיינען זענען שולען פון העלדישקייט. דער צוועק פון אַזעלכע פעראיינען איז דער נוץ פון יעדען איינצעלנעם: דער מיטגליעד האָט גאָר ניט צו טהון, ער דאַרף מעהר ניט ווי נעהמען; די איינציגע גוטע מדה, וואָס די קאָנסום פעראיינען לערנען, איז די מדה צו צאָהלען במזומנים, זיי געוויינען אָב זייערע מיטגליעדער צו מאַכען חובות, אָבער געוויינען זיי ניט אָב פון דער מדה צו שטעלען דעם איינענעם „איך" העכער פאַר די אינטערעסען פון כלל. וואָלוועל קויפען און פערקויפען — דאָס איז דער עקס, אַרום וועלכען עס דרייט

זיך דער קאָנסום-פעראיין, דאָס איז אַ שולע פון קרעמער-גייסט, אָבער ניט פון געפיהל זיך מקריב צו זיין פאַר׳ן כלל.

פון דעסטוועגען איז נאָך גאָר ניט געדרונגען, אַז דער קאָנ-סום-פעראיין מוז דוקא ענטוויקלען דעם קרעמער-גייסט.

מיר האָבען פריהער געזעהען, אַז די פּראָפעסיאָנעלע פעראיי-נען ווייזען אויך אַרויס אַ געוויסע שטרעבונג צו בעשאַפען צעכישע אָבגעגרענעצטקייט, אָבער אַז דער פּאָליטישער קאַמפף איז מנצח דיזע אָבגעגרענעצטקייט און העלפט צו ענטוויקלען נאָר די גוטע זייטען פון די פּראָפעסיאָנעלע בעוועגונג. די איינענע זאַך קען זיך אויך טרעפען מיט די קאָנסום-פעראיינען דאָרטען, וואו עס איז דאָ אַ שטאַרקע פּאָ-ליטישע און פּראָפעסיאָנעלע בעוועגונג, וועלכע וועט ניט דערלאָזען דעם קרעמער-גייסט זיך צו ענטוויקלען צווישען די מיטגליעדער.

דאָרטען אָבער, וואו דער קלאַסען-קאַמפף איז גענוג שטאַרק, וואו די קלאַסען-הפכים ווערען וועהר פערשאַרפט, ווי איז זאַכסען, למשל, דאָרטען איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבען, אַז די קאָנסום-פעראיינען וועלען ווערען אַ בריק, וועלכער וועט אָבציהען אַ טייל אַרבייטער פון דער גאַנצער מאַסע פון פּראָלעטאַריאַט און זיי אַריבערציהען צו דער בור-זשואזיע.

וואו אָבער עס פעהלען די אַלע בעדינגונגען, ברייננען די קאָנ-סום-פעראיינען פאַר די ערציהונג פיעל מעהר שאָדען, איידער נוצען. עס וואָלט געווען די גרעסטע נאַרישקייט צו וועלען ענטוויקלען דורך קאָנסום-פעראיינען אַ סאָציאַליסטישע בעוועגונג אין אַזעלכע לענדער, וואו די פערהעלטניסען ווערען אַזוי ווייט אָבגעשטאַנען, אַז עס קענען זיך דאָרט ניט האַלטען צוליעב דעם קיין פּאָליטישע און פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציאָנען.

אויסער אַחרות, זאָגט מען, ענטוויקעלט דער קאָנסום-פעראיין די פעהיגקייט פון דעמאָקראַטישע זעלבסט-פערוואַלטונג אין ווירט-שאַפטליכען לעבען, וועלכע וועט אַמאָל דאַרפען פערנעהמען דעם אָרט פון די קאַפּיטאַליסטען *).

עס איז גאָר ניטאָ קיין ספק, אַז מען בעדאַרף שטאַרק אוזא

*) בעזאָנדערס ווייזט אויף דערויף פרוי ע. גערהאַרד אין אַ בראָ-שיורקע „קאָנסום-גענאָסענשאַפטען און סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, אין וועלכע מיר געפינען אַ סך אינטערעסאַנטע בעמערקונגען און פאַקטען.

שוהלע פון ווירטשאַפטליכע דעמאָקראַטיע, אַז דאָס איז טאַקע זעהר אַ נויטהיגע זאַך; אָבער קיינער וועט זיך אויך ניט איינשפּאַרען און זאָגען, אַז נאָר די קאָנסום-געזעלשאַפטען בילדען אַזעלכע שוהלען; יעדע פּראָדוקטיוו-געזעלשאַפט, יעדער פּראָפעסיאָנעלער פעראיין, יעדע קהל'שע פערוואַלטונג, אויף וועלכע די אַרבייטער שפּאַרען זיך אַריין, יעדע מלוכה'שע פערוואַלטונג, אויף וועלכע די אַרבייטער קריגען אַ ווירקונג—זענען אַ שוהלע פון אַ דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציאָן און פון זעלבסט-פערוואַלטונג, און נאָך אונזער מיינונג—אַ ווייט בעסערע שוהלע, איידער די קאָנסום-פעראיינען.

ניט אומעטום, ניט אויף אַלע זייטען פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען טויג אַ דעמאָקראַטישע פערוואַלטונג. אַזאַ פערוואַלטונג איז דאָס מעגליכער, וואָס גיכער אַלע אנטהיילנעהמער זענען אים שטאַנד צו האָבען אין אַלע וויכטיגע פראַגען אַן'איינענע פעסטע מיינונג און וואָס מעהר בעדייטונג עס האָט די צוזאַמענווירקונג פון אַלע אַנטהייל-נעהמער.

אין אַזאַ לאַגע געפינען זיך גיכער פאַר אַלץ די פּראָדוקטיוו-געזעלשאַפטען, ס'הייסט אויף וויפיעל זיי בלייבען אויף זייער אייגענעם טהעטיגקייטס-פעלד—ביי דער פּראָדוקציאָן פון סחורה, אָבער גיט ווען זיי פערנעהמען זיך מיט סוחר-מוכר-שאַפט. אין אַ פּראָדוקטיוו-געזעלשאַפט פון שוסטער, צ. ב"ש, ווייס יעדער מיטגליעד, ווי די שטיוועל ווערען געמאַכט, פון וואָס פאַר אַ לעדער און מיט וועלכע געצייג א. ז. וו. יעדער פון זיי איז פעהיג ביי אַלע געלעגענהייטען מיט אַרבייטען, געבען אַן עצה. ס'איז טאַקי זעהר נויטיג די פריידיגע און ענערגישע מיט-ווירקונג פון יעדען מיטגליעד, כדי דער עסק זאָל גוט געהן. די פּראָדוקטיוו-געזעלשאַפטען זענען געוויס ניט די בעסטע שוהלע פון אַרבייטער אחדות, זיי הויבען אויף און רייסען אָב זייערע מיטגליעדער פון איבעריגען פּראָלעטאַריאַט, אָבער זיי זענען אַן'אויסגעצייכענטע שוהלע פון זעלבסט-פערוואַלטונג אין ווירטשאַפטליכען לעבען.

די דעמאָקראַטישע זעלבסט-פערוואַלטונג אַליין וועט נאָך ניט קענען, אין שטרענגען זינען פון וואָרט, פערנעהמען דעם פּלאַץ פון די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג, אין וועלכער אַבי ווער ס'איז, וואָס האָט נאָר די פּראָדוקציאָנס-מיטלען, ווערט אויך דער אָרגאַניזאַטאָר און דער פיהרער פון דער פּראָדוקציאָן.

וואָס מעהר ספּעציעלע קענטניסען מען מוז האָבען פֿאַר אַ בעשטימטען פֿעלד פֿון דער געזעלשאַפֿטליכער טהעטיגקייט, קענטניסען, וועלכע ס'קען דערגרייכען נאָר אַ קלײנער טייל פֿון די אַנטיילנעהמער, און וואָס ווייניגער דער גאַנג פֿון אַ געזעלשאַפֿטליכע אָרגאַניזאַציאָן איז אָבהענגיג פֿון די מיטווירקונג פֿון דער גאַנצער מאַסע אַנטיילנעהמער, דאָס ווייניגער טויג אַזאַ אָרגאַניזאַציאָן צו אַ דעמאָקראַטישע פֿערוואַלטונג. דער דעמאָקראַטיזמוס בעשטעהט דאָ אין דעם, וואָס די אַנטיילנעהמער גיבען איבער עטליכע געניטע מענשען, אויף וועלכע מען קען זיך פֿערלאָזען, אַז זיי זאָלען דינגען גוטע ספּעציאַליסטען, וואָס זאָלען אָרגאַניזירען און פֿיהרען דעם בעטריעב. אויף ווי ווייט די ספּעציאַליסטען פֿיהרען גוט דעם עסק, דאָס זעהען די אַנטהיילנעהמער נאָכ'ן ערפֿאָלג פֿון געשעפֿט. אַזאַ מין אָרגאַניזאַציאָן זענען די אַקציאָנערע געזעלשאַפֿטען.

ווייל מען ווערען אַ מיטגליעד פֿון אַ שוסטער-פּראָדוקטיוו-גענאָסענשאַפֿט, דאַרף מען אַליין זיין אַ שוסטער. ווייל מען אָבער ווערען אַן אַקציאָנער פֿון אַ כימישע אָדער אַ מאַשין-פֿאַבריק, דאַרף מען גאָר ניט זיין ניט קיין כימיקער, ניט קיין מעכאַניק. די הויפּט-זאַך דערביי איז דער צוטרוי, וועלכען מען האָט צו דער פֿערוואַלטונג, צו די דירעקטאָרען, צו זייער געניטקייט און צו זייער עהרליכקייט. ס'איז בעקאַנט, אַז ניט נאָר די פּראָדוקטיוו-גענאָסענשאַפֿט פֿערנעהמט דעם אָרט פֿון אַ אײנצעלנעם קאַפּיטאַליסט, וועלכער איז דער פֿיהרער און אָרגאַניזאַטאָר פֿון דער פּראָדוקציאָן, נאָר נאָך פֿיעל מעהר די אַקציאָן-געזעלשאַפֿטען, וועלכע זענען אַוודאי ניט קיין שוהלע פֿון דעמאָקראַטישע זעלבסט-פֿערוואַלטונג.

אָבער אין דעם זינען שטעהען די רײנע קאָנסום-פֿעראײנען פֿיעל נעהנטער צו די אַקציאָן-געזעלשאַפֿטען, ווי צו די רײנע פּראָדוקטיוו-גענאָסענשאַפֿטען. זייער עסק איז מסחר, וועלכער איז גאַנץ פֿרעמד פֿאַר די גאַנצע מאַסע פֿון זייערע מיטגליעדער, די גאַנצע אַרבייט טוהען נאָר עטליכע אויסגעקליבענע פֿערטרויענס-מענשען און געדונגענע פּריקאַזשטשיקעס. ווייל מען ניט רעכענען דאָס קויפֿען פֿאַר אַ מיט-אַרבייטען — וואָרום אַז אויב אַזוי האָט מען בעדאַרפֿט יעדעם קינד פֿון אַ סוחר האַלטען פֿאַר זיין מיט-אַרבייטער — דאַן האָבען די מיטגליעדער פֿון אַ קאָנסום-פֿעראײן ניט מעהר צו טהון, ווי די אַקציאָנערען פֿון אַנאַקציאָנערע געזעלשאַפֿט; זיי קלויבען אויס זייערע פֿערטרויענס-

מענשען און לאָזען די זאַך געהען ווי עס געהט, און נאָר נאָך די רעזולטאַטען נאָך, גוטע אָדער שלעכטע, בלייבען זיי צופריעדען, אָדער ניט צופריעדען מיט זייערע אויסגעקליבענע און לסוף מאַכען זיי אַ חלוקה מיט'ן רוח.

שוין גאָר ניט רעדענדיג פון די פּראָדוקטיוו-געגאָסענשאַפטען, וועלכע זענען זעהר ווייניג פערשפּרייט, קען מען זאָגען, אַז אין יעדען פּראָפעסיאָנעלען פעראיין, אין יעדען פּאָליטישען פעראיין, אין יעדע קהל'שע פערוואַלטונג, וואָס איז אויסגעקליבען דורך אַלגעמיינע שטים-רעכט, איז פאַראַן פיעל מעהר דעמאָקראַטישע זעלבסט-פערוואַלטונג, ווי אין אַ וואָס'ער עס איז קאָנסום-פעראיין. דאָס איז נאָך איינענטליך גאָר ניט קיין גרויסער פעהלער פון די קאָנסום-פעראיינען — אַ צייטונג איז אויך ניט קיין שוהלע פון דעמאָקראַטישער זעלבסט-רעגירונג, און פונדעסטוועגען איז זי זעהר אַ וויכטיגע כלי-זין אין בעפרייאונגס-קאַמפף פון פּראָלעטאַריאַט — אָבער אין יעדעם פאַל איז דאָך דאָס קיין מעלה אויך ניט.

פיעל בעסער שטעהט דאָס מיט דער עקאָנאָמישער בעדייטונג פון די קאָנסום-פעראיינען. עס איז גאָר קיין ספק ניט, אַז די קאָנסום-פעראיינען קענען געבען זייערע קונדען בעסערע און ביליגערע סחורה, ווי דער קליין-קרעמער, זייערע קונדען זענען זיכער, אַז מען וועט זיי ניט געבען קיין געפעלשטע סחורה און מען וועט זיי ניט אָבנאַרען. אמת, לאַסאַל האָט געמיינט, אַז דער אַרבייטער געווינט סיי ווי סיי גאָר ניט, וואָרום דאָס וואָס ער געווינט פון די קאָנסום-פעראיינען פון איין זייט, פערליערט ער פון דער אַנדערער זייט, ווייל, לויט דעם געזעץ פון שכירות, איז וואָס וועלוועלער עס ווערען די לעבענס-מיטלען פון אַרבייטער, דאָס ניעדעריגער פאַלען די שכירות. אָבער דער געזעץ, אין דער געשטאַלט, ווי לאַסאַל האָט איהם אַרויסגעשטעלט, איז, ווי ס'איז שוין לאַנג בעקאַנט, גאַנץ פאַלש. אָהן אַ ספק ווירקען די מקחים פון די לעבענס-מיטלען אויף די שכירות, אָבער ניט נאָר זיי אַליין האָבען אַזאַ ווירקונג, עס איז דאָ נאָך אַ סך אַנדערע סבות, וועלכע עס האָבען אויך אַ ווירקונג אויף די שכירות.

די שכירות ענדערען זיך ניט פונקט אַזוי, ווי די מקחים פון די לעבענס-מיטלען, זיי זענען ווייניגער בעוועגליך; גאַנץ אָפט בלייבען זיי די זעלבינע, אפילו דאַן, ווען דער מקח פון די לעבענס-מיטלען ווערט גרעסער, און אין דעם פאַל אַליין, וואָס רופט אַרויס די פערטייערונג פוי-

די לעבענס-מיטלען, מאַכט ניכער ערגער די לאַגע פֿון די אַרבייטער-
אײדער פֿערגרעסערט זייערע שכירות.

פֿון דעם שטאַנד-פּונקט דאַרף מען בעטראַכטען דעם שוץ-צאָל-
און בימעטאַליזמוס. עס קען זיך אומגעקעהרט טרעפֿען, אַז דער מקח
פֿון די לעבענס-מיטלען וועט פֿאַלען, בעת די שכירות בלייבען די וועל-
בינע. דאָס קען זיך מעהר טרעפֿען דאָרט, וואו די אַרבייטער ווענען
פּראָפֿעסיאָנעל און פּאָליטיש גוט אָרגאַניזירט. אויף אַזאַ'נאָפֿן וועהען
מיר אויך דאָ, אַז פֿריהער פֿאַר אַלץ איז נויטהיג אַ שטאַרקע פּראָפֿע-
סיאָנעלע און פּאָליטישע אָרגאַניזאַציאָן, כדי די קאָנסום-גענאָסענשאַפֿ-
טען זאָלען האָבען אַ בעדייטונג אין אַ בעפֿרייאונגס-קאַמפֿף פֿון פּראָ-
לעטאַריאַט.

מען וואָלט געקענט איינענטליך מיינען, אַז פֿאַר דעם בעפֿריי-
אונגס-קאַמפֿף איז גאַנץ גלייך, צו מען וואָלט מאַכען וועלכעלער פֿאַר'ן
אַרבייטער די לעבענס-מיטלען (אָדער צו ער וועט בעקומען אַ געוויסען
רוח), אפֿילו דאַן, ווען די שכירות וועלען בלייבען די וועלבינע;
דאָס פֿערהעלטניש צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט וועט זיך דערפֿון
אויף אַ האָר ניט אומבייטען.

אַ דירעקטע פֿערענדערונג איז דאָ טאַקי ניטאָ, דאָס איז אמת..
די עקספּלואַטאַציאָן פֿון אַרבייטער בלייבט אונפֿערענדערט, כל זמן
עס וועט זיך ניט אומבייטען דאָס פֿערהעלטניש צווישען די שכירות
און דעם ווערטה, וועלכען דער אַרבייטער בעשאַפֿט, גאַנץ גלייך, אויב
דער אַרבייטער בעקומט פֿאַר זיינע שכירות מעהר אָדער וועניגער לע-
בענס-מיטלען. נאָר פֿאַר דעם אופֿן אַליין, ווי דער אַרבייטער פֿיהרט זיין
בעפֿרייאונגס-קאַמפֿף, איז דאָס גאָר ניט גלייכגילטיג. וואָס וועלוועלער
ס'זענען די לעבענס-מיטלען, דאָס בעסער קען זיך דער אַרבייטער נעה-
רען און קליידען, דאָס מעהר כח האָט ער צו ווידערשטיין אַנטקעגען
די בעלי-בתים. און ניט נאָר דאָס אַליין. דער אַרבייטער קען וועניגער
ווי אַלץ עפּעס אָבשפּאָרען פֿון די הוצאות, וועלכע ער דאַרף האָבען
אויף זיינע קערפּערליכע בעדערפֿנישען. אַזוינע בעדערפֿנישען ווענען
בעשטימט פֿון די נאַטור-געזעצען און לעבענס-געוואָהנהייטען. די הע-
כערונג אָדער די פֿערקלענערונג פֿון די שכירות ווירקט ביים אַרבייטער
קודם כל אויף זיינע קולטורעלע בעדערפֿנישען: אויף די הוצאות אויף
בילדונג, אויפ'ן פּאָליטישען קאַמפֿף און ד. ג. אָט דיזע בעדערפֿנישען
ווענען די ערשטע, וועלכע, וועניגסטענס, דאָרט, וואו דער אַרבייטער

האט שוין דערגרייכט א געוויסע מדרגה פון ענטוויקלונג, געווינען דערפון, וואס די לעבענס-מיטלען פון ארבייטער — נאהרונג, הייצונג, בעלייכטונג, קליידונג א. ז. וו. — ווערען וועלוועלער. און ס'איז דוקא מאקע נויטיג, אז דיזע קולטורעלע הוצאות זאלען זיך וואס מעהר פערגרעסערען.

די הוצאות, וועלכע דער ארבייטער קען זיך פארגינען אויף בילדונג, אויס'ן פאליטישען און פראפעסיאנעלען קאמפף זענען פעסט בעגרענעצט דורך זיינע קערפערליכע בעדערפנישען. ביי בעשטימטע שכירות און בעשטימטע מקחים פון לעבענס-מיטעל קען מען זיי ביז אויס'ן האר אבשאצען. דעם ארבייטערס קעשענע איז זעהר בעגרענעצט און אז מען וויל פון איהר נעהמען צופיעל אויף איין זאך, למשל, אויף אנאלגעמיינע וואהל אדער א גרויסען שטרייק, וועט מען שוין ווייניג וואס קענען נעהמען אויף אנאנדער זאך; עס קען זיך דעריבער דאכטען ביי א אבערפלעכליכע בעטראכטונג, אז די בילדונג, די פאליטישע און פראפעסיאנעלע בעוועגונג פון די ארבייטער זענען גאר ניט ענג פערבונדען מיט אנאנדער, אז יעדער פון זיי קען זיך נאר ענטוויקלען אויף די קאסטען פון דעם אנדערען. דאס איז א גאנץ גראבער טעות; דאס ווייזט אבער נאר, ווי זעהר די ארבייטערס מיטלען זענען פאר דיזע צוועקען בעגרענעצט און וואס פאר א גרויסען ווערט עס האט יעדעס מיטעל, וואס העלפט צו פערגרעסערען דעם ארבייטערס הכנסה. אהן שום ספק קענען די קאנסום-גענאסענשאפטען אין דיזען זינען זיין זעהר נוציג. גאנץ נאך דער מדרגה נאך פון די ארבייטער-בעוועגונג און פון די געזעצגעבונג בעווייזען די קאנסום-פעראיינען זייער ווירקונג דערמיט, וואס זיי גיבען די איינצעלנע מיטגלידער די מעגליכקייט — סיי דורך דעם, וואס זיי גיבען איהם וועלוועלערע לעבענס-מיטלען, סיי דורך דעם, וואס זיי פערגרעסערען זיין הכנסה דורך דעם רוח — אויסצוגעבען מעהר אויף זייער בילדונג, אויף זייער פארטיי, אויף זייער פראפעסיאנעלען פעראיין. דארטען אבער, וואו די ארבייטער-בעוועגונג שטעהט אויף א הויכע מדרגה און געהט בעוואוסטערהייט צום ציעל, און וואו עס איז ניטא קיין שטרענגעש פון דער געזעצגעבונג, נעהמען זיך די ארבייטער-ארגאניזאציאנען אליין פאר דיזע ענינים. אין ענגלאנד איז דא ניט ווייניג קאנסום-פעראיינען, וועלכע לאזען אב א היבשען טייל פון זייער הכנסה אויף בילדונג און פראפאגאנדע. אין 1898-טען יאהר האבען די ענגלישע קאנסום-פער-

איינען אויסגעגעבען אויף בילדונג אַנערך פון 320,000 רובל. און אויף אונטערשטיצונג אַנערך פון 240,000 רובל.

וואָס פאַר אַ ראָלע די קאָנסום-פעראיינען קענען שפּיעלען ביי אַ סטרייק, קען מען זעהען פון בערנשטיינ'ס בעשרייבונג פון דעם ריעזיגען קוילען-גרעבער סטרייק, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1893-טען יאָהר („נייע צייט", XII, 1, זייטע 271). „גאַנץ אָפט — שרייבט בערנשטיין — פלעגען די אָרטיגע קאָנסום-פעראיינען שטאַרק צו הילף קומען די אַרבייטער. פון 24 טויזענד בערג-אַרבייטער פון דרום-יאָרקשיר זענען 10,000 געוועזען מיטגלידער פון דער קאָאָפּעראַטיוו-געזעלשאַפט אין בערנסליי, וועלכע האָט אין אויגוסט נאָך פונאַנדערגעטיילט דעם האַלב-יעהריגען רווח, צו 25 רובל אויף יעדען מיטגליעד. חוץ דעם האָבען פיעלע אַרבייטער אָבגענומען אויך אַנדערע אַלטע חובות, וואָס זיי האָט געקומט פון פעראיין. און דעם 25-טען סעפּטעמבער, אַז די נויט האָט זיך פאַרשטאַרקט, האָט דער פעראיין בעשלאָסען פונאַנדערצושיקען 2500 רובל אין דעם משך פון 4 וואָכען, אַז מען זאָל דאָס צוטיילען צווישען די מעהר בעדערפטיגע חברים. אין סך-הכל האָט דיזע געזעלשאַפט אַרויסגעגעבען אויף אונטערשטיצונג ביז אָנהייב אָקטאָבער אַנערך פון 20,000 רובל. נאָך אַ צווייטער קאָנסום-פעראיין האָט אַרויסגעגעבען אויף דעם זעלבען ציעל 16,000 רובל א. ז. ח. עס איז גאַנץ שווער אויסצורעכענען די גאַנצע סומע, וואָס אַנדערע אַרבייטער-געזעלשאַפטען פון אַנדערע בעצירקען האָבען אויסגעגעבען. נאָר דאָס דאַרף מען דאָ דערמאָנען, אַז די גרויסע איינקויפס-געזעלשאַפט פון מאַנשעסטער האָט, נאָך אַן'אַלגעמיינער אָבשטימונג, מיט אַ ריעזיגע מעהרהייט בעוויליגט 60,000 רובל פאַר די סטרייקענדע. — מיט איין וואָרט, דאָס, וואָס ביי אַנדערע אומשטענדען איז מעהר ניט, ווי אַ שטערונג פאַר די אַרבייטער-בעוועגונג, אַ מיטעל ניעדעריג איינצוהאַלטען די שכירות, איז דאָ, אין פערבינדונג מיט שטאַרקע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבען גענוג כח און פרייהייט, און דורך דעם, וואָס די בערג-אַרבייטער האָבען דורך זייער שטים-רעכט אַ גרויסע פּאָליטישע ווירקונג, — געוועזען אַ ווירקליכע אונטערשטיצונג פאַר די אַרבייטער, האָטש דיזע אונטערשטיצונג איז אַפילו געוועזען שטאַרק בעגרענעצט".

מעהר ווי אומעטום אָבער איז דיזער מין טהעטיגקייט פון די קאָנסום-פעראיינען ענטוויקעלט אין בעלגיען, וואו זיי אונטערשטי-

צען מיט זייערע מיטלען ניט נאָר די בילדונג און פראָפעסיאָנעלע טהעטיג־קייט, נאָר אַפילו די פּאָליטישע טהעטיגקייט פון קעמפּפענדען פּראָ־לעטאַריאַט אויך. װאַנדערװעלד װײַזט אויף פאָלגענדע סמנים פון די בעלגישע סאָציאַליסטישע גענאָססענשאַפטען („נײַע צײַט" XVI, 1, זײַטע 327 און װײַטער):

„א) אין די סטאַטוטען (תקנה־ביכלעך) שטעהט געשריבען, „אַז די אָרגאַניזאַציאָן איז קודם כל אַ פּאָליטישע און אַ סאָציאַליסטישע און אַז פון דער מינוט אָן, װי די נעמען פון די מיטגלידער װערען איינגעשריבען אין די ביכער פון דער גענאָססענשאַפט, אַנערקענען די מיטגלידער דערמיט אַליין דעם פּראָגראַם פון דער אַרבייטער־פּאַרטיי".

ב) יעדער קען װערען אַ מיטגליעד פון אַ סאָציאַליסטישע גע־נאָססענשאַפט, װען ער ערפילט די פאָלגענדע 8 בעדינגונגען: 1) ער איז איינשטימיג מיט'ן פּראָגראַם פון דער אַרבייטער־פּאַרטיי; 2) ער בעצאָהלט איינטריט־געלד (19 קאָפּ. אין װשאָלימאָן, 81 קאָפּ. אין אַנט־װערפּען, $9\frac{1}{2}$ קאָפּ אין אַנדערע שטעדט); 3) ער קויפט אַנאַני־מײַלס־צעטעל, אַנאַקציע (אַ צעטעל קאָסט אומעטום 3 רובל 80 ק. אויסער װשאָלימאָן, װאו ער קאָסט 1 רובל 25 ק. און לעװען, װאו ער קאָסט $28\frac{1}{2}$ קאָפּ). דער פּרײַז פון דער אַקציע װערט אָבגערעכענט פון רוח, װאָס דער מיטגליעד בעקומט; אויף אַזאַ אופן קען יעדער קבצן װערען אַ מיטגליעד פון פעראיין, ניט געבענדיג דערױיף אַ קאָ־פּיקע ניט.

דער רוח פון גאַנצען געשעפט װערט צוטיילט אויף 8 חלקים: איין טייל געהט אויף חובות און אויף רעזערװ־קאַפּיטאַל, אַ צװיי־טער טייל געהט אויף סאָציאַליסטישע אַגיטאַציאָן און דער דריטער טייל געהט אויף דעם רוח פאַר די אַרבייטער פון געשעפט און פאַר די מיט־גליעדער פון פעראיין. דער רוח פון די מיטגליעדער איז אין פערשידענע געגענדען פערשידען. װי עס איז שוין אויבען דערמאָנט געװאָרען — בעמערקט װײַטער װאַנדערװעלד — שטעלען צו די גענאָססענשאַפטען דער פּאַרטיי דעם גרעסטען טייל פון איהרע אַגיטאַציאָנס־מיטלען אין גע־שטאַלט פון געלד־סומען, פון סטרײַק־אונטערשטיצונגען פון נדבות אויף די סאָציאַליסטישע פּרעסע א. ד. ג. די גענאָססענשאַפטען זענען פאַר די פּאַרטיי אַ מעלקעדיגע קוה.

„אַ דאַנק די, האָט אַ מאָל געזאָגט אַנסעל, קענען מיר שטור־מען די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט מיט קאַרטאָפעל און 4־פונט

לאבענס ברויט". ווען די ארבייטער-פיהרער וועלען צוליעב זייערע איבערצייגונגען ארויסגעיאָגט פון די ווערקשטאטען און בלייבען אָהן ברויט, קענען זיי זיין זיכער, אז די קאאָפעראטיוו וועט זיי געבען א בעשעפטיגונג. אין אנדערע לענדער זענען די אגיטאטאָרען אין א שלעכטע צייט נאר געניט צו עפענען א קרעמעל, אָדער א שיינקעל, אין בעלגיען אָבער בעקומען זיי א שטעלע אין „פאָלקס-הויז" אָדער אין „פאָרווערטס"*). פונקט אזוי, ווי יעדער גלח זוכט צו פערשפרייטען אין זיין דאָרף דעם קאטוילישען גלויבען, אזוי פערשפרייט יעדער גענאָסענשאפטס-דיענער די פרינציפען פון סאָציאליזמוס אין די אינ-דוסטריעל-מיטעלפונקטען. וואָס עס אנבעלאנגט די מאָראלישע ווירקונג פון די גענאָסענשאפטען, דארפען מיר נאך אנווייזען אויף דעם, אז אלע קאאָפעראטיווען עפענען באלד נעבען די בעקערייען אויך רעסטא-ראנען, וואו עס זענען פאראן פערשידענע זאלען פאר פאָרלעזונגען, פאר פערזאמלונגען און פאר ימים-טובים, אלע אָרגאניזאציאָנען, וואָס געהערען צו דער פארטיי, האָבען פאר זיך אנאומזיסטען זאל; דא איז דער מיטעל-פונקט פון דעם גאנצען סאָציאליסטישען לעבען פון דעם געגענד; דא קומען זיך צונויף אלע גענאָסען. חוץ דעם האָבען די גרעסערע גענאָסענשאפטען געגרינדעט אָבטיילונגען פאר קונסט און ערציהונג, וועלכע עס ענטוויקלען זיך ביסלעכווייז. די גענאָסענשאפטען זענען אויף אזא אופן ניט נאר אליין שטארקע עקאָנאָמישע אָרגאני-זאציאָנען און א מעכטיגער אגיטאציאָנס-מיטעל; וואָס ווייטער ווערען זיי אלץ מעהר א מיטעלפונקט פון גייסטיגען לעבען.

מען דארף ניט ארונטערמאכען אונטערן האנד די אונטער-שטיצונג, וועלכע די גענאָסענשאפטען גיבען די פאָליטישע און פראָפע-סיאָנעלע בעוועגונג. מיר ווייסען זעהר גוט, אז דא קען מען אויך מיט קליינע מיטלען זעהר פיעל אויפטהון, וואָרום די בעגייסטערונג פון דער מאסע פערשטארקט און פערגרעסערט די ווירקונג פון די טהעטיגקייט. די 88 מיליאָן ריינע רוח, וואָס די ענגלישע קאָנסום-פער-איינען גיבען, זענען צו אומבעדייטענד, צו ווייניג, אז זיי זאָלען מיט זייער יעהרליכען צוואוקס קענען איינשלינגען דעם הונדערט-מאל גיכער וואקסענדען גאנצען קאפיטאל פון לאנד. דיזע סומע וואָלט אָבער גע-וועזען א ריעזיגער קריגס-אוצר, ווען מען וואָלט איהם אנגעווענדעט

*) „פאָלקס-הויז" — א קאאָפעראטיוו אין ברוססעל; „פאָרווערטס" — א קאאָפעראטיוו אין גענט.

אויף ארגאניזאציאנען און בילדונג פון פראלעטאריאט. אמת, דערצו דארף מען האבען אנערך פון א מיליאן מיטגליעדער, וואס קענען צאהלען במזומנים און וועלכע זאלען זיך מיט פרייד אבזאגען פון זייער רוח לטובת הכלל. די ענגלישע קאנסום-פעראיינען גיבען נאך עד־היום אויף בילדונג ניט מעהר, ווי 1 פראצענט פון דעם ריינעם רוח. די קאנסום-פעראיינען קענען נאך אויף אזא אופן טהון א טובה דעם פראלעטאריאט דארטען, וואו זיי ארגאניזירען אייגענע בעטריעבען, דערמיט אליין, וואס זיי שטעלען זייערע ארבייטער אין פיעל בעסערע בעדינגונגען (אויף ווי פיעל דאס ערלויבט די קאנקורענץ). דערמיט אליין גיבען זיי אלע ארבייטער פון דעם זעלבען פאך אונטערשטיצונג, מאכען לייכטער זיך צו דערשלאגען צו בעסערע ארבייטס-בעדינגונגען אויך אין פריוואט געשעפטען.

מען דארף אין יעדען פאל פון די טהעטיגקייט פון די קאנסום-פעראיינען ניט צו פיעל ערווארטען. זי קען האבען ממשות נאר דארט, וואו די ארבייטער-בעוועגונג איז שוין גענוג שטארק און ענטוויקעלט, און דערצו נאר אין וויניג אינדוסטריע-צווייגען — פונקט ווי דער באיקאט — דאס הייסט אין אזעלכע, מיט וועלכע די קאנסום פעראיינען קענען זיך בעשעפטיגען, וועלכע דינען פאר די פערזענליכע בעדערפנישען פון די ברייטע פאלקס-מאסען, למשל, בעקערייען, שחיטה-הייזער, שיך-פאבריקען, וועש- און קליידער-געשעפטען, טאבאק-פאבריקען (דארט וואו עס ניטא קיין טאבאק מאנאפאל), קאנסערווען-פאבריקען א. ד. ג. יעדענפאלס, האבען די ענגלישע און בעלגישע גענאסענשאפטען אויף זייער טהעטיגקייטס-פעלד פיעל נוצען געבראכט.

עס פערשטעהט זיך, אז קיין גן עדן התחתון קענען זיי ביי דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפטס-ארדנונג ניט בעשאפען. דורך זייערע קאנקורענץ נויטען די גענאסענשאפטען די קליינע קרעמעלעך, אז די זאלען לאזען וואלוועלער די לעבענס-מיטעל, דערמיט בריינגען זיי א נוצען ניט נאר זייערע מיטגליעדער אליין, נאר אויך די איבעריגע בעפעלקערונג.

III.

מיר מוזען על כן אנגעהמען, אז די גענאסענשאפטען שפיעלען א גרויסע ראלע אין בעפרייאונגס-קאמפף פון פראלעטאריאט. אויך

מאַרקס האָט אין 1866 יאָהר אויסגעדריקט די וועלכע מיינונג. מיר האַלטען פאַר נויטיג אויסצוּווייזען דערויף, ווייל די אָנהייגער פון דער עטהישער בעוועגונג, די אַנאַרכיסטען, די סאָציאַל-פּאָליטיקער וואַרפען פאַר מאַרקס'ן און די מאַרקסיסטען, אַז זיי זענען פיינד פון געגאָסענשאַפטען.

אויף דער זשענעווער קאָנגרעס פון דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער געזעלשאַפט” אין 1866 יאָהר האָט מען אָנגענומען די פאָלגענדע רעזאָלוציאָן, וועלכע דער גענעראַלראַט (צענטראַל קאָמיטעט) האָט פאָרגעלייגט. ווי עס ווייזט אויס, איז דער פּרינציפּיעלער טהייל געוועזען פערפאַסט פון מאַרקסען.

„די אויפגאַבען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער-געזעלשאַפט בעשטעהט אין דעם, צו פערבינדען די פון זיך אַליין אַרויסגעוואַקסענע אַרבייטער-בעוועגונגען פון פערשידענע לענדער, זיי פעראַלגעמיינערן און זיי צו געבען אַן איינהייטליכקייט, אָבער זיי ניט נויטען אָנצונעהמען אַ וועלכע עס איז דאָקטרינערע סיסטעם*). דעריבער דאַרף דער קאָנגרעס זיך ניט אויסשפּרעכען פאַר איין בעשטימטע סיסטעם פון געגאָסענשאַפטען, נאָר ער מוז זיך בעגנוגען מיט דער ערקלערונג פון עטליכע אַלגעמיינע פּרינציפּען:

א) מיר האַלטען די געגאָסענשאַפטען פאַר איינע פון די טרייב-קרעפטען, וואָס וועלען איבערמאַכען די יעצטיגע געזעלשאַפט, וואָס איז אויפגעבויט אויף די קלאַסען-געגענזעצע. דער גרויסער פערדיענסט פון דער בעוועגונג בעשטעהט אין דעם, וואָס ער ווייזט אויף פּראַקטיש, אַז דער יעצטיגער דעספּאָטישער סיסטעם, וועלכער וואַרפט די אַרבייט אונטער דעם יאָך פון קאַפּיטאַל און ברייננט הונגער און נויט, קען ווערען אומגעביטען אויף אַ רעפּובליקאַנישע סיסטעם פון געגאָסענשאַפטען מיט גלייכע און פרייע מיטגליעדער, וועלכע וועט ברייגען מזל-ברכה פאַר די מענשהייט.

ב) אָבער כל זמן די געגאָסענשאַפטס-בעוועגונג וועט זיין אין די ענגע ענטוויקלונגס-פאָרמען, וועלכע עס קענען איהר געבען די בעמיהונגען פון איינצעלנע אַרבייטער, וועט זי קיין מאָל ניט זיין אים שטאַנד אומצוענדערן די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט. כדי די געזעלשאַפטליכע פּראָדוקציאָן איבערצומאַכען אין אַ גרויסע האַרמאָנישע

*) ד. ה. אַ סיסטעם, וואָס איז געבויט אויף כללים, וועלכע עס בייטען זיך קיין מאָל ניט אום.

סיסטעם פון פרייע קאָאָפּעראַציעס, וועגען נויטיג אזוינע אלגעמיינע סאָציאַלע איבערקערענישען, אַזוינע אומביטונגען פון אַלע געזעלשאַפטליכע פערהעלטניסע, וועלכע מען וועט קיין מאָל ניט קענען דערגרייכען, כל זמן די אָרגאַניזירטע מאַכט פון דער געזעלשאַפט, ד. ה. די מאַכט פון דער מלוכה, וועט ניט איבערגעהען פון די הענד פון די קאַפּיטאַליסטען אין די הענד פון די אַרבייטער.

ג) מיר שלאָגען פאָר די אַרבייטער בעסער צו גרינדען פּראָדוקטיוו־געגאָסענשאַפטען איידער קאָנסום־געגאָסענשאַפטען. די לעצטע בעריהרען נאָר די אָבערפלעכע פון דער יעצטיגער עקאָנאָמישער געזעלשאַפט, בעת די ערשטע גראָבען אונטער איהר גרונדלאַגע.

ד) מיר שלאָגען פאָר אַלע קאָאָפּעראַטיווע געגאָסענשאַפטען אָבצוגעבען אַ טהייל פון זייער הכנסה אויף אַ קאַפּיטאַל צו פּראָפּאַגאַנדירען זייערע פּרינציפּען מיט וואָרט און ביישפּיעל, אָדער, אַנדערש געזאָגט, העלפענדיג גרינדען נייע פאַבריקען מיט קאָאָפּעראַטיוו־פּראָדוקציאָן און אויך דורך בילדונג און אַגיטאַציאָן.

ה) כדי ניט דערלאָזען, אַז די קאָאָפּעראַטיווע געגאָסענשאַפטען זאָלען ווערען איינפאַכע בורזשואַזנע אַקציאָן־געזעלשאַפטען, דאַרפען אַלע אין זיי בעשעפטיגטע אַרבייטער— גאַנץ גלייך, צו זיי זענען אַקציאָנערען אָדער ניט— קריגען אַ גלייכען טהייל פון דעם פערדיענסט. נאָר ועלטען און אויף אַ קליינע צייט קען מען צולאָזען, אַז די אַקציאָנערען זאָלען קריגען אַ קליינעם פּראָצענט".

אויף דעם לאָזאַנער קאָנגרעס אין 1867 יאָהר האָט מען אָנגענומען דעם פאָרשלאַג פון עקקאַריוס, אַז די מיטגליעדער פון דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער־געזעלשאַפט" זאָלען ווירקען אויף די פּראָפעסיאָנעלע בונדען, אַז די לעצטע זאָלען אָנווענדען אַלע מיטלען אויף גרינדען און אונטערשטיצען די פּראָדוקטיוו־געגאָסענשאַפטען.

וועגען דיזע צוויי רעזאָלוציאָנען האָט בערנשטיין אין זיין אַרטיקעל: „אַ נייער פּראָיעקט פון געגאָסענשאַפטען" געשריבען („נייע צייט" XIV, 1, זייטע 230): „פון דער זשענעווער רעזאָלוציאָן קען מען זאָגען, אַז אין איהר תוכן איז זי נאָך עד היום ניט ריכטיג. אָבער די אויספיהרונגען, וואָס זי האָט געמאַכט, האָבען נאָר געפּאַסט פאָר די ערפאַהרונג פון יענע צייט. דאָס רוב האָבען די געגאָסענשאַפטען, וועלכע האָבען זיך געגרינדעט אויף זעלבסט־הילפע און בעזאָנדערס די קאָנסום־געגאָסענשאַפטען, געהאַט אַ קרעמערשען כאַראַקטער. די לאָזאַנע

רעוואָלוציאָן איז געוועזען צו געפּאַסט צו דער אידעע, וועלכע איז געווען זעהר פֿערשפּרייט צווישען די פֿאָרגעשריטענע אָנהייגער פֿון פּראָפֿעסיאָנעלע בעוועגונג אין ענגלאַנד. די אידעע האָבען פֿערשידענע געוועקשאַפֿטען געפּרובירט אין די זיבציגע יאָהרען אָנצווענדען, אָבער עס איז דערפֿון זעהר וועניג אַרויסגעקומען. עס איז שווער צו זאָגען, ווי ווייט מאַרקס איז געוועזען איינשטימיג מיט אַלע רעוואָלוציאָנען, אָבער דער פּרינציפּיעלער טהייל געהערט יעדענפֿאַלס מאַרקסען. אין „קאַפּיטאַל", אויך אין זיינע אַנדערע ווערק, האָט ער זיך אויך אַזוי אויסגעדריקט. אין לעצטען קאַפּיטעל פֿון עקקאַריוס׳ס בראָשור „ווידער־לעגונג פֿון אַנ׳אַרבייטער", וועלכע מאַרקס האָט דורכגעזעהען און אויסגעבעסערט, לעזען מיר: „די יעצטיגע גענאָסענשאַפֿטען האָבען אונפֿערמיידליך אין זיך עפּעס, וואָס כאַראַקטעריזירט אַ פּראָדוקציאָן, וועלכע בערוהט אויף קאַפּיטאַל און לוין־אַרבייט, אַקוראַט ווי די צעכען אין אַלטען רוים און אין די ערשטע צייטען פֿון מיטעל־אַלטער האָבען אונפֿערמיידליך געטראָגען אויף זיך אַ שטעמפּעל פֿון שקלאַפֿערײַ. איך קוק אויף די יעצטיגע גענאָסענשאַפֿטליכע שטרעבונגען, אויף וויפֿיעל זיי קענען איבערהויפּט פּראַקטיש אויסגעפֿיהרט ווערען, ווי אויף די אַלטרוימישע צעכען, ווי אויף די ערשטע שוואַלבען פֿון צוקונפֿט, ווי אויף אַ צייכען פֿון די קומענדיגע סאָציאַלע פֿערהעלטניסע. פּונקט אַזוי ווי עס איז געוועזען דאָס פֿערהעלטניס צווישען די אַלט־רוימישע צעכען און די פֿאַנשצשיזנע־־בויערן פֿון דעם ערשטען משך פֿון דער פֿעאָדאַלער מלוכה און דעם בונד פֿון די האַנזעאישע שטעדט, אַזוי וועט זיין דאָס פֿערהעלטניס צווישען די הייַנטיגע פּראָדוקטיוו־גענאָסענשאַפֿטען און די צוקינפֿטיגע סאָציאַליסטישע פּראָדוקציאָן". ווי דער אינהאַלט אַזוי די אויסדריקען ווייזען, אַז דאָס האָט געשריבען מאַרקס. אויף וויפֿיעל מאַרקס האָט געהאַלטען פֿאַר די גענאָסענשאַפֿטען, האָט ער געפֿאָדערט, אַז זיי זאָלען זיין געגרינדעט מיט די כחות פֿון די אַרבייטער אַליין. „וואָס עס אָנבעלאַנגט די יעצטיגע גענאָסענשאַפֿטען, האָט ער געשריבען אין 1876 יאָהר, האָבען זיי נאָר אַ ווערט אויף אַזוי פֿיעל, אויף וויפֿיעל זיי זענען אונאַבהענגיג און געהערען די אַרבייטער אַליין, ליגען ניט אונטער דעם שוץ פֿון רעגירונג אָדער בורזשואַזיע" (אַ בריעף וועגען דעם פּראָיעקט פֿון גאָטאַער פּראָגראַם, „נייע צייט" IX, I, זייטע 672).

„פֿון יענער צייט אָן האָט די געשיכטע פֿון די גענאָסענשאַפֿטען

בעווייזען, אַז פּראָדוקטיוו־גענאָסענשאַפטען טרעפען אין יעצטיגען עקאָנאָמישען אָרדנונג די גרעסטע שוועריגקייטען פון אַלע זייטען, ווייל די גענאָסענשאַפטען גראָבען זיך אונטער דעם גרונד פון די יעצטיגע געזעלשאַפט, בעת די קאָנסום־פעראיינען האָבען נאָר ניט אַלע מאָל אַ קרעמערשען כאַראַקטער. אַזוי ווי די קאָנסום־פעראיינען, ריידענדיג מיט די ווערטער פון זשענעווער רעזאָלוציאָן, זענען „איינע פון די טרייב־קרעפטען פון דער געזעלשאַפטליכער איבערקערענעש“, איז דאָס טען, וואו די פּראָדוקציאָן געפינט זיך אויף אַ נידריגע מדרגה פון ענטוויקלונג, און וואו זיי זענען די איינציגע געשטאַלט פון ארבייטער אָרגאַניזאַציעס, מוזען זיי קריגען אַ קרעמערשען כאַראַקטער. אָבער אויף אַ העכערע מדרגה פון ענטוויקלונג פון די פּראָדוקציאָן, צוזאַמען מיט אַנדערע קרעפטען, קענען זיי ווערען שטאַרק ווירקענדע ספּרושינעס פון די געזעלשאַפטליכע ענטוויקלונג. דאָ איז אַלץ אָבהענגיג פון די אַלגעמיינע פערהעלטניסע פון געזעלשאַפטס־לעבען, צו וועלכע מיר רעכענען אויך די פּאָליטישע בעדינגונגען. אויסער דעם זעהען מיר דאָ אויך די ווירקונג פון דעם געזעץ, אַז מיט דעם צאָהל בייט זיך אויך די קוואַליטעט. די גרויסע גענאָסענשאַפטען אין צפון־ענגלאַנד האָבען געמוזט אָננעהמען אַן אַנדער כאַראַקטער, בעת זיי האָבען דערגרייכט טויזענדע און צעהנדליגע טויזענד מיטגלידער און האָבען געגרינדעט אַ בונד, וואָס האָט ארומגענומען אַ מיליאָן מיטגלידער, פון וועלכע דער גרעסטער טהייל זענען געוועזען אין דער זעלבער צייט מיטגלידער פון פּראָפעסיאָנעלע בונדען. איבערהויפּט איז די פערברייטונג פון דער קאָאָפּעראַטיווער בעוועגונג אין ענגלאַנד צוזאַמענגעפאַלען מיט דער ענטוויקלונג פון די פּראָפעסיאָנעלע בעוועגונג“.

צו דעם, וואָס דאָ איז שוין געזאָגט געוואָרען, קענען מיר נאָך ווייניג וואָס צולייגען. אַז מיר האַלטען שוין געוועזען אונגערעכט אין דעם, וואָס מיר האַלטען פאַר צו קליין געהאַלטען די ראָלע, וועלכע די קאָנסום־פעראיינען קענען שפּיעלען אין לעבען פון אַרבייטער־פאָלק ביי די יעצטיגע בעדינגונגען, דאַרפען מיר אָבער אויך ניט פערגעסען, אַז זיי וועלען קיין מאָל ניט זיין אים שטאַנד צו פערנעהמען דעם אָרט פון פּאָליטישע און פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציאָנען. אים געגענטהייל, די פּאָליטישע און פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציאָנען מוזען שוין זיין גוט ענטוויקעלט, איידער די קאָנסום־פעראיינען וועלען זיין אים שטאַנד צו שפּיעלען וואָס עס איז פאַר אַ ראָליע אין קלאַסען־קאַמפּף

און דיזע ראָלע, װעניגסטענס פאַר די נאָהענטע צוקונפטיגע צייט, װעט זיין גענוג קליין אין פערגלייך מיט די ראָלע פון די אַנדערע אויבען דערמאַנטע אָרגאַניזאַציאָנען. װאָס פאַר אַ װירקונג די קאָנסום־פעראַיינען קענען האָבען צוזאַמען מיט די פּראָדוקטיװ־גענאָסענשאַפטען דאָרטען, װאו דער פּראָלעטאַריאַט האָט שוין דערגרייכט חאָטש צום טהייל די פּאָליטישע מאַכט, אָדער אויף װיפיעל די יעצטיגע גענאָסענשאַפטען טראָגען אין זיך אַ קרן פון די צוקינפטיגע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט. דאָס איז אַ פראַגע, װעלכע מיר װעלען דאָ ניט בעטראַכטען, דען אין אונזער אַרבייט בעשעפטיגען מיר זיך נאָר מיט דער בעדייטונג פון די קאָנסום־פעראַיינען פאַר די יעצטיגע צייט. דאָס אַליין, װאָס מיר האָבען דאָ געזאָגט, בעװייזט גענוג, אַז די קאָנסום־פעראַיינען זענען נוצליך דעם קעמפּפענדען פּראָלעטאַריאַט, אָבער נאָר ביי געװיסע פערהעלטניסען.

אָבער נאָך אַ העכערע מדרגה פון פּאָליטישע און פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציאָנען, װעלכע פאָדערען פון זייער זייט אַ העכערע געזעלשאַפטליכע ענטװיקלונג, איז נאָך ניט די איינציגע בעדינגונג, װעלכע עס איז נויטיג, אַז די קאָנסום־פעראַיינען, פון װעלכע מיר רעדען דאָ, זאָלען האָבען אַ קיום. כדי זיי זאָלען האָבען אַ קיום מוזען זיך נאָך געפינען אַ געװיסע צאָהל פון מענשען, װעלכע עס זאָלען קענען פיהרען דעם געשעפט. כדי די קאָנסום־פעראַיינען זאָלען ניט װערען איינפאַכע קרעמערלעך, װאו דער אַרבייטער קויפט זיינע סחורה װעלװעלער װי אַנדערש װאו, מוזען ניט נאָר דער גרעסטער טייל פון זיינע מיטגליעדער, נאָר אויך די אַנפיהרער זיין פּראָלעטאַריער, אָדער װעניגסטענס פריינד פון קעמפּפענדען פּראָלעטאַריאַט. דער פּראָלעטאַריאַט מוז פון זיך אַליין געבען אַזעלכע קרעפטען, װאָס זאָלען זיך קענען איבערגעבען פאַר די גענאָסענשאַפטען. ניט אַלע מאָל האָט דער פּראָלעטאַריאַט אַזעלכע קרעפטען. װאָס מעהר עס װאַקסט די אַרבייטער־בעװעגונג אין דער לענג און אין דער ברייט; װאָס גרעסער עס װערט זיין װירקונג אויף דער מלוכה און געזעלשאַפט; װאָס שװערער און גרעסער עס װערען די אויפגאַבען, װעלכע מען דאַרף פּראַקטיש אויספיהרען, דאָס װעניגער קען מען זיך בעגנוגענען מיט דעם גוטען רצון און ניט געניטע אַרבייט פון די אַרבייטער כדי אויסצופיהרען די אַרבייט, װעלכע עס פאָדערט די ענטװיקלונג פון דער בעװעגונג. עס װערט אַלץ נויטיגער איבערצוגעבען די אַרבייט בעזונדערע מענשען, װאָס האָבען די נוי־

ביגע פעהיגקײטען, די נויטיגע פראקטישע און טעאָרעטישע קענטניס־קײט, אזעלכע, וואָס מען קען גוט זײער כאראקטער. איהר קענט שאצען אויף דיזע מענשען, ווי אויף אנפיהרער פון דער בעוועגונג, אבער ווי אויף איהרע דיענער עס איז אלץ איינס; אהן זיי קען די בעוועגונג ניט עקזיסטירען, און וואָס מעהר זי וואקסט, דאָס מעהר בענויטיגט זי זיך אין זיי.

אזעלכע אויסגעצייכענטע און געניטע מענשען זענען זעהר זעלטען און מען נויטהיגט זיך אין זיי בעזאנדערס דארטען, וואו די בעוועגונג וואקסט אזוי גיך, אז דער וואוקס פון אזעלכע געניטע אויסגעפּראָבירטע קרעפטען קען איהם ניט דעריאָגען, ווייל זיי וואקסען זעהר לאנגזאם. אין אזא פאל קען די גרינדונג פון קאָנסום־פעראײנען צונעהמען די לעצטע קרעפטען ביי די פּאָליטישע און פּראָפעסיאָנעלע אָרגאניזאציאָנען, און דאָס וואלט אין יעדעם פאל געווען זעהר שעדליך פאר אונזער בעוועגונג, ווייל די וועניגער וויכטיגע קאָנסום־פערנען האלטען זיך ענטוויקעלט אויף קאָסטען פון די וויכטיגערע אָרגאניזאציאָנען.

אָבער די פראגע דארף מען נאך פון א צווייטע זייט בעטראכטען. די פּאָליטישע און די פּראָפעסיאָנעלע טהעטיגקייט פאָדערט אזעלכע קענטניסע און פעהיגקייטען, וועלכע ענטוויקלען זיך ביי די ארבייטער ביז א געוויסע גראד דורך די בעדינגונגען פון זייער לעבען אליין. אין דיזע טהעטיגקייט שפּיעלט שטענדיג די הויפּט־ראָליע די פעראייניגטע מיטהילפע פון דער ארבייטער־מאסע; איהר פערשטאנד, איהרע בעגייסטערונג, איהר זעלבסט־אָפּפערונג גיבען די מעגליכקייט צו פעריכטען די פעהלערן פון די פיהרער.

גאָר אנדערש איז דאָס מיט די קאָנסום־פעראײנען. דאָ רעדט מען שוין וועגען סוחר'ישע טהעטיגקייט, וועגען די טהעטיגקייט פון א סוחר, א קאפּיטאליסט; דאָ דארף מען קענטניסע און פעהיגקייטען, וועלכע עס זענען פרעמד דעם אינדוסטריעלען ארבייטער, וועלכע ענטוויקלען זיך ניט אין פּאָליטישען און פּראָפעסיאָנעלען קאמפף. אויך די מיטווירקונג פון די מיטגליעדער שפּיעלט דאָ א פיעל קלענער ראָלע, ווי אין די פּאָליטישע און פּראָפעסיאָנעלע בעוועגונגען. דער קיוו־ פון דער גענאָסענשאפט איז אָבהענגיג נאָר פון די פעהיגקייטען א געניטקייט פון זיינע אנפיהרער.

אָבער וואָס מעהר דער פּאָליטישער און פּראָפעסיאָנעלער קאמפ

װערנעהמט דעם גאַנצען לעבען פון אַרבײַטער־קלאַס, דאָס ניכער װעט ער פון אײן זײַט האַלטען די אָנפיהרער, װעלכע האָבען געװאונען זײַן פערטרויען אין דיזען קאַמפף, פאַר די בעסטע פיהרער פון די קאָנסום־פעראײנען, און פון דער אַנדערער זײַט װעט ער בענוצען דיזע שטעלען צו פערזיכערן אַניאונאָבהענגיגע עקסיסטענץ פאַר די אויסגעפּראָבירטע קעמפּפער, װעלכע װערען אַרויסגעטריבען פון די קאַפּיטאַליסטען. מען קען אָבער זײַן אַ פּראַכטיגער פּאָליטיקער, אַ אויסגעצײכענטער פיהרער פון דער פּראָפעסיאָנעלער בעװעגונג און זעהר אַ צרה׳דיגער סוחר.

אויב די פּאָליטיק און דער פּראָפעסיאָנעלער בונד קענען לײַדען דערפון, װאָס די קאָנסום־פעראײנען נעהמען צו בײַ זײ די נײַטיגסטע קרעפטען, װעלען די קאָנסום פעראײנען לײַדען דערפון, װאָס די פּאָליטיק און דער פּראָפעסיאָנעלער בונד װעלען זײ צושטעלען אַזעלכע קרעפטען, װאָס טױגען פאַר זײ ניט. און דאָך מוזען זיך אַלע דרײַ פאַכען ענטװיקלען צוזאַמען און װירקען אײנע אויף די אַנדערע, כּדי די גענאָסענשאַפטס־בעװעגונג זאָל זײַן נוצליך פאַר די אַרבײַטער זאַך.

אַלע די שװעריקײַטען זענען דאָס רוב פאַראַן דאָרטען, װאו די קאָנסום פעראײנען זענען נאָך יונג; װאו עס איז נאָך ניטאָ קײן געניטקײט, ניט קײן טראַדיציאָנען; װאו עס האָבען זיך נאָך ניט אויסגעאַרבײט אַזעלכע פיהרער, װאָס קענען זײַן לעהרער און בעל־עצות פאַר דעם יונגען דור. אין אַזאַ פאַל, װען עס ליענט פאַר אַ פּראַגע, צו זאָל מען גרינדען קאָנסום־פעראײנען אָדער ניט, דאַרף מען פריהער פון אַלץ זעהען, אויב עס איז פאַראַן מענשען, װאָס קענען פיהרען דעם געשעפט. דער הײליגער גוטער װילען פון די קונים איז נאָך ניט גענוג.

פיעל בעסער װי אומעדום זענען אין דעם פּרט די בעדינגונגען אין ענגלאַנד, װאו די קאָנסום־פעראײנען האָבען זיך געגרינדעט מיט הונדערט יאָהר צוריק, בעת אין דײַטשלאַנד און עסטרײַך איז די בעװעגונג אַלט נור אײניגע צעהנדליג יאָהר; דאָ האָט זי זיך אָבגעהאַלטען אין איהר ענטװיקלונג דורך די נעװעצליכע שטערעניסען, װעלכע זענען נאָך עד היום אַ שטײן אין װעג פאַר די סאָציאַליסטישע גענאָסענשאַפטס־בעװעגונג. אָבער ניט קיקענדיג אויף די הונדערט־יאָהריגע געניטקײט האָט זיך אַרױסגעװיזען, אַז אפילו עד היום קענען די קאָנסום־פעראײנען ניט אַלע מאָל קאָנקורירען אין ענגלאַנד מיט דעם קאַפּי־

מאל. לויט דעם השבון, וואס פרוי וועב ווייזט אויף אין איהר אויבענדערמאנטען בוך וועגען די ענגלישע קאאפעראטיווע בעוועגונג, האבען אין דעם משך פון 1870 ביז 1889 אויפגעהערט צו עקסיסטירען פון דעם צאהל, וואס איז געוועזען געגרינדעט אין דער צייט, ניט ווייניגער ווי 844 געגאסענשאפטען.

אז מיר וועלען אויפמערקזאם דורכקוקען דעם חשבון, וואס פרוי וועב ווייזט אונז, וועלען מיר זעהען, אז לאנדאן גיט די גרעסטע צאהל פון באנקראטען פון קאנסום-פעראיינען. אין גראפשאפט מידלסעקס האבען 99 געגאסענשאפטען אויפגעהערט צו עקזיסטירען. פון די 46 קאנסום-פעראיינען, וואס האבען אויפגעהערט צו עקזיסטירען אין גראפשאפט סארריי, און פון 36 אין גראפשאפט קינט געהערט א גוטער הלק צו לאנדאן. און די גרויסע צאל פון די באנקראטען ערקלעהרט זיך דערמיט, וואס אין לאנדאן איז די קאאפעראטיווע בעוועגונג זעהר שטארק, אדער וואס מען גרינדעט דארטען זעהר פיעל געגאסענשאפטען. אים גאנצען גענומען, אין לאנדאן זענען די קאנסום-פעראיינען זעהר ווייניג ענטוויקעלט. — אין 1889 יאהר איז אין לאנדאן, נאך די ווערטער פון פרוי וועב, דער ווערטה פון די סחורה, וואס זענען געוועזען פערקויפט פון אלע געגאסענשאפטען, געוועזען ניט גרעסער ווי 80 קאפ. אויף יעדען איינוואהנער. אין מידעלסעקס נאר 48 קאפ! אים גאנצענטהייל, אין אנדערע ערטער פון לאנקאשיר האט ער דערגרייכט 46 רובל אויף יעדען איינוואהנער, אין דערהעם—אפילו 80 רובל און אין יארקשיר — 85 רובל!

די הויפטשטאדט פון בעלגיען איז א סך קלענער ווי לאנדאן. אין 1892 יאהר איז אין ב ר י ו ס ע ל געוועזען 200 טויזענד איינוואהנער און אין איינעם מיט די פארשטעדט—נאך ניט אין גאנצען 500 טויזענד איינוואהנער, און ניט קוקענדיג אויף דעם זעהען מיר, אז אויך אין בעלגיען איז דער לעבען אין הויפטשטאדט ווייניגער גוט פאר די ענטוויקלונג פון די געגאסענשאפטען, ווי אין די קליינע פאבריטשנע שטעדט. ניט בריוסעל, נאר ג ע נ ט האט געגרינדעט אין 1880 יאהר די געגאסענשאפט „פארווערטס", וועלכע דינט פאר א מוסטער פון אלע סאציאליסטישע געגאסענשאפטען. בריוסעל האט ערשט אין 1004 יאהר נאכגעטהון דער פראווינץ. האטש בריוסעל'ס „פאלקס-הויז" האט געהאט אין 1893 יאהר 9000 מיטגליעדער ייי „פארווערטס" מעהר ניט ווי 5500, האט פונדעסטוועגען דעו

געהאַט 179,000 פֿראַנקען רוח, בעת דאָס „פֿאָלקס-הויז" האָט ניט געקראָגען אַפֿילו אַ העלפֿט פֿון דעם: 64 טויזענד פֿראַנק און כמעט אין גאַנצען פֿון די בעקערייַ (61,741 פֿראַנק).

אין דייטשלאַנד ענטוויקלען זיך אין בערלין די קאָנסום-פֿעראיינען אויך ניט. בעסער ווי אומעדום ענטוויקלען זיי זיך אין זאַקסען. ווי עס ווייזט אויס, טויג פֿאַר זיי ניט די לופֿט פֿון די גרויסע שטעדט. זאָל דאָס נור זיין אַ פּשוטער צופֿאַל? די אָרגאַניזאַציאָן פֿון די קונים איז אין יעדען פּרט אַ פֿיינע זאַך, אָבער אַ געזעלשאַפֿטליכע אָרגאַניזאַציאָן, ד. ה. אַ פֿערבינדונג פֿון פֿיעל געזעלשאַפֿטליכע עלעמענטען צו אַ פֿעראייניגטע טהעטיגקייט, פֿאָדערט, פֿריהער פֿון אַלץ, אַז מען זאָל קענען צוזאַמענברענגען דיזע עלעמענטען, פֿאָדערט אַ געוויסען גראַד פֿון צוזאַמען-זאַמלונג (קאָנצענטראַציאָן). און פֿאַר קיין מין פֿון אַרבייטער אָרגאַניזאַציאָנען האָט דאָס ניט אַזאַ ווערדע, ווי פֿאַר די קאָנסום-פֿעראיינען.

איינער פֿון די פֿערעסטע קאָנסום-פֿעראיינס-פֿאַנטאַזיאָרען ווייזט אין דעם שווייצערישען פּראָפֿעסיאָנעלען בונד, ווי אויף אַ ביישפּיעל, די באַזעלער קאָנסום-געזעלשאַפֿט, וועלכע האָט כמעט אַזוי פֿיעל מיטגליעדער, ווי דער פּראָפֿעסיאָנעלער בונד (13,000), האָט אָבער געקראָגען אין איין יאָהר כמעט אַ האַלבען מיליאָן פֿראַנק רוח, בעת דער פּראָפֿעסיאָנעלער בונד האָט אין זיין קאַסע קוים 30,000 פֿראַנק. אויף ווי פֿיעל מאָל וואָלט ער רייכער געוועזען, ווען זיינע מיטגליעדער וואָלטען זיך פֿערנומען מיט דער אָרגאַניזאַציאָן פֿון קונים.

אָבער ווי אַזוי די 13,000 טויזענד געזינדען, וועלכע זענען צושפּרייט איבער גאַנץ שווייץ, וואָלטען געקענט אָרגאַניזירען זייערע איינקויפֿע — ווענען דעם זאָגט אונזער חכם אַ וואָרט ניט. ס'איז גרינג צו פֿערשטעהן, אַז ווען 13,000 געזינדען וואָהנען אַזוי נאָהענט נעבען איינאַנדער, אַז זיי קענען מאַכען זייערע איינקויפֿען למשל אין 13 קראָמען, וועט דער רעזולטאַט זיין אַ גאַנץ אַנדערער, ווי ווען די זעלבע געזינדען זענען אַזוי צושפּרייט, אַז זיי דאַרפֿען האָבען פֿאַר די זעלבע איינקויפֿע 500 קראָמען. אין לעצטען פֿאַל וועט די קאָנסום-געזעלשאַפֿט מוזען באַנקראָטירען.

יעדער קאָנסום-פֿעראיין פֿאָדערט אַ געוויסען גראַד פֿון צוזאַמען-זאַמלונג פֿון געזינדען, וועלכע וועלען מאַכען ביי איהם זייערע איינקויפֿע. אמת, דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס-אופֿן זאַמעלט

שוין אַליין צוזאַמען גרויסע מאַסען פון אַרבייטער, אָבער אין קליינע שטעדטלעך געהט די צוזאַמען־זאַמלונג ביי דער אַרבייט האַנד אין האַנד מיט דער צוזאַמען־זאַמלונג פון געזינדען. אין די גרויסע שטעדט, מיט זייער מורא׳דיגע חייסקייט, צושפּרייטען זיך די אַרבייטער נאָך אַרבייט אין אַלע זייטען פון שטאָדט, זיי וועגען צוואָרפען צווישען אַנדערע איינוואָהנער, וועלכע האָבען פערשיעדענע און ניט וועלטען אומגעקעהרטע אינטערעסען. אפילו די אַרבייטער אַליין וועגען דאָ אויך ניט גלייך, אָפט האָבען זיי פערשיעדענע געוואָהנהייטען און פערשיעדענע בעדערפנישען. ביי אַזוינע בעדינגונגען איז אין אַ גרויסע שטאָדט פיעל שוועהרער צו אָרגאַניזירען די קונים, ווי אין אַ קליין פאַבריקשטעדטעל, וואו אַלע איינוואָהנער וועגען אַרבייטער, וועלכע וועגען פערנומען נאָר אין עטליכע מלאכות. דערצו קומט נאָך צו נאָך אַנאַנדער שטערעניש. די טהעטיגקייט פון די קאָנסום־געגאָסענשאַפטען נעהמט אַרום אַזאַ פאַך, אין וועלכען דער איינצעלנער קאַפּיטאַליסט, וואָס איז אַ פרייער בעל־הבית אין זיין אייגענעם געשעפט און קען ריזיקירען, איז אין אַ פיעל בעסערע לאַגע, ווי די קאָנסום־געגאָסענשאַפטען, וועלכע אַרבייטען מיט געדונגענע מענשען, וואָס וועגען ניט אַזוי פריי אין זייער טהעטיגקייט און טראָגען אויף זיך די גאַנצע פעראַנטוואָרטליכקייט. ניט זיך זיי עפּעס ניט איין — דאַרפען זיי ענטפערען, ניט זיך זיי יע איין — האָבען זיי דערפון קיין שום נוטץ ניט. דער פאַך, אין וועלכען עס וויזט זיך אַרויס דער פאָרצוג (מעלה) פון דעם איינצעלנעם קאַפּיטאַליסט אַנטקעגען די געגאָסענשאַפטען און נאָך מעהר אַנטקעגען די מלוכה, איז דער סוחר׳ישער — דער האַנדעל. דער איינצעלנער סוחר קען בעסער אויסנוטצען די גוטע לאַגע פון מאַרק, ער רירט זיך אַ סך גיכער און איהם איז גרינגער נאָכצוגעהן נאָך דער מאָדע און נאָך די קאַפּריזען פון די קונדען.

אונזערע געגנער שטעלען מיט גרויס השק אַרויס דיזען פאַקט כדי צו בעווייזען אויף ווי ווייט די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָן האָט מעהר מעלות ווי די סאָציאַליסטישע. און דאָס וואָלט טאַקי געווען זעהר אַ וויכטיגער בעווייז, ווען דער סאָציאַליזמוס וואָלט אין אמת׳ן געוואָלט צונעהמען דעם האַנדעל ביי די סוחרים און איהם איבערגעבען די געגאָסענשאַפטען און דער מלוכה. אָבער, ווי מיר וועלען זעהן, איז די מעשה ניט אַזוי. דער סאָציאַליזמוס וויל גאָר ניט איז דעם האַנדעל דער מלוכה אָדער איהם געגאָסענשאַפטליך

רען, ער וויל איהם אין גאַנצען בטל מאַכען. פונקט אַזוי, ווי עס עקסיסטירט ניט קיין מסחר צווישען איינצעלנע ווערקשטאַטען פון אַ גרויסען ביכער־פערלאַג, וואָס האָט זיינע אייגענע פּאַפּיר־פאַבריקען, שריפטגיסערייען, דרוקערייען, איינבינדערייען, חאָטש צווישען זיי איז פאַראַן אַ שטענדיגער פערקעהר — אַזוי וועט אויך אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט ניט עקסיסטירען קיין האַנדעל אין דעם זינען, ווי מען פערשטעהט דאָס היינט.

ביי די גלייכע בעדינגונגען, ס׳הייסט ביי אַ גלייך־גרויסען געשעפט, האָט דער איינצעלנער סוחר אַ פאָרצוג געגען די קאָנסום־געגאָסענשאַפטען, חאָטש ב ו ש און זיינע חברים ווילען אונז איינרעדען, אַז ניט. און דער פאָרצוג איז דאָס גרעסער, וואָס מעהר דער מסחר איז פערפלאָנטערט, וואָס מעהר פערשיעדען, וואָס ווייניגער שטענדיג עס זענען די קונדען.

אויך אין דעם פאַל זענען די בעדינגונגען פאַר די קאָנסום־פעראיינען בעסער ווי אומעטום אין די איינענטליכע פאַבריטשנע בעפעלקערונג. אין די גרויסע שטעדט, וואו עס וואָהנען נעבען איינאַנדער פאַבריטשנע אַרבייטער, הויז־אַרבייטער, אַרבייטער פון קונסט־ווערקשטאַטען, קליינע און גרויסע בעאַמטע, בעלי־מלאכות אַלערהאַנד, פוסט־און־פאַסטניקעס, וואָס האָבען קיין בעדייטונג ניט פאַר די פּראָדוקציאָן, אָבער זענען זעהר וויכטיג פאַר דעם פערברויך, און נאָך פיעל אַנדערע טהיילען פון דער בעפעלקערונג; דאָרטען, וואו די צאָהל פון די אַרבייטער איז אָבהענגיג פון פיעל בעדינגונגען, און ווערט דאָ גרעסער, דאָ קלענער; וואו עס בייטען זיך שטענדיג זייערע וואָהנונגען; וואו פאַר יעדע נייע מאָדע, יעדע נייע ערפינדונג קאָסט מען זיך אָן ניכער ווי אומעטום — דאָרטען האָט אַ איינצעלנער סוחר פיעל מעהר ערפאָלג, ווי אַ קאָנסום־פעראיין.

צום סוף מוזען מיר נאָך אויפווייזען אויף נאָך אַ דריטען פונקט, וועלכער איז אָפשר דער וויכטיגסטער. ביי דער הערשונג פון קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־אופן האָט אַלע מאָל, ביי גלייכע בעדינגונגען, דער בעטריעב מעהר ווינאָדעס, וועלכער ס׳איז גרעסער. אין אַזאַ לאַגע איז דער קאָנסום־פעראיין אין פערגלייך מיט׳ן קליינעם קרעמעל. פונקט אַזוי האָבען די קאָנסום־פעראיינען, בשעת זיי נעהמען זיך אָרגאַניזירען פּראָדוקטיוו־געגאָסענשאַפטען, ניט דאָרטען גליק, וואו עס איז נאָך שטאַרק דער קליינ־בעטריעב. אין אַלע דיזע אונטערנעה-

מונען, ווי בעקערייען, שחיטה-הייזער, שוסטערייען, שניידערייען א. ד. ג., שטופּען זיי אַרויס דעם קליין-בעטריעב, אָבער ניט דעם גרויס-בעטריעב. ווי איז דאָס אָבער דאָרטען, וואו עס טרעט אַרויס אַנקעגען דעם קאָנסום-פעראיין אַ גרויסער קאַפּיטאַליסטישער געשעפט? אין קלענערע שטעדט מיט איינערליי בעפעלקערונג, וואָס אָרגאַניזירט איהרע איינקויפע, איז אַזאַ פאַל וועהר זעלטען. דאָ מאָנאָפּאָליזירט דער קאָנסום-פעראיין דעם גרעסטען טייל פון אָרטיגען מאַרק.

אין אַ גרויסע שטאָדט איז אַזאַ מאָנאָפּאָליזירונג כמעט אונמעגליך און בעזאָנדערס נאָך פאַרן אַרבייטער קאָנסום-פעראיין, וואָס הייבט כמעט שטענדיג אָן צו פיהרען דעם געשעפט מיט זייער אַ קליינעם קאַפּיטאַל, זיך כמעט אין גאַנצען שטיצענדיג אויף די קראַפט פון דער אָרגאַניזאַציאָן. גראַד דאַמאָלסט, ווען ביי זיין גרינדונג זענען פאַראַן אַלע בעדינגונגען, וואָס זענען נויטיג כדי דער קאָנסום-פעראיין זאָל קענען ברייננגען אַ נוטץ דער אַרבייטער בעוועגונג, ס'הייסט ווען עס עקזיסטירען שטאַרק פערשאַרפטע קלאַסען-געגענזעטצע, אַ שטאַרקע פּאָליטישע און פּראָפעסיאָנעלע בעוועגונג, גראַד דאַמאָלסט וועט ער קענען צוציהען נאָר אַ טהייל פון די שטעדטישע קונים, און דאָס ניט די וואָס קענען צאָהלען במזומנים; דעריבער וועט ער זיך קיין מאָל ניט קענען אַזוי פערגרעסערען און אויסברייטען, ווי אַ קאַפּיטאַליסטישער געשעפט מיט אַ ריעזיגען קאַפּיטאַל, וואָס ווענדט זיך צו אַלע קונים, וואָס קענען נאָר צאָהלען במזומנים. אַזעלכע אונטערנעהמונגען זענען וועהר ענטוויקעלט אין לאָנדאָן, ווי די בעאַמטען-און-אָפיציער מאַגאַזינען (דאָס זענען אייגענטליך ניט קיין קאָנסום-פעראיינען, נאָר גיכער אַקציאָנערע געזעלשאַפטען), די פירמע אואיטלי מיט 500 פּריקאַזטשיקעס, וואו דער קויפער קען קריגען אַלץ, וואָס זיין האַרץ גלוסט איהם, פיעל מעהר, ווי אין אַ קאָנסום-פעראיין. דאָ קען ער קריגען אַ קעז און אַ פערסישען דיוואַן, אַ פלעשעל בראַטען און אַ בילד, אַ צעהנרליג עפּעל און אַ גאַרדעראָבע פאַר אַ חתונה, אַ פּאָר שטיוועל און אַ קאַרעטע, אַ בילעט אין טעאַטער און אַ מצבה.

די לאָנדאָנער קאָנסום-פעראיינען קענען מיט דיזע געשעפטען ניט קאָנקורירען; די אָרגאַניזאַציאָן פון די קונים, וואָס דאַרף כלומרשט עקספּראָפּריאירען דעם קאַפּיטאַל, האָט דערווייַלע אין דעם וועניג אויפגעטאָהן; ניט דער גרויס-קאַפּיטאַל ווערט דורך איהם עקספּראָפּריאירט. אָט וואָס עס זאָגט וועגען דעריגען מ אַ ט אַ י אַ: „לויט אונזער

ביזאַהעריגער ערפֿאַהרונג מוזען מיר אָננעהמען, אַז אין די גרויסע געשעפֿטען, וואָס האַנדלען מיט זייער פֿערשידענע סחורה, קען מען נאָר זעלטען אָנווענדען דעם קאָאָפּעראַטיוו־פּרינציפּ און דאָס נאָר ביי בעגרענצטע בעדינגונגען; דאָס רוב מוז מען צום געשעפֿט צוציהען געניטע מענשען און פֿערבינדען זייער אייגענעם אינטערעס מיטן גאַנג פֿון געשעפֿט, ד. ה. אָדער מעהר אָדער וועניגער אָבטרעטען פֿון פּרינציפּ, אויף וועלכען עס זענען אויפֿגעבויט די קאָנסום־פֿעראיינען. ניט קוקענדיג אויף דעם קענען דערביי די הוצאות פֿון געשעפֿט געמאַכט ווערען אַזוי קליין, אַז די קונים זאָלען האָבען דעם גרעסטען נוטץ. מיר נעהמען זיך ניט אָן צו בעשטימען, אויף וויפֿיעל די צוקונפֿט וועט די בעדינגונגען אומבייטען" (דר. ח. מאַטאַיאַ: „די גרויסע מאַגאַזינען און דער קליין־האַנדעל", ז. 88). עס קען זיין, אַז די קאָנסום־פֿעראיינען וועלען אונטער דער איינווירקונג פֿון אַנדערע פֿערהעלטניסען אפשר נאָך אַ מאָל זיין אים שטאַנד צו קאָנקורירען מיט די גרויסע מאַגאַזינען; ביז אַהער האָט דאָס זיי נאָך ניט איינגעגעבען, וועניגסטענס אין די גרויסע שטעדט.

עס איז ניט מיין אויפֿגאַבע צו אונטערזוכען, אויב די בעדינגונגען פֿאַר די ענטוויקלונג פֿון די קאָנסום־פֿעראיינען זענען אין דער אָדער יענער גרויסע שטאָדט בעסער ווי אין די אַנדערע; דאָס קענען בעשטימען נאָר די פּראַקטיקער. עס איז אויך ניט דער צוועק פֿון מיין אַרבייט אָבצוריידען פֿון דער גרינדונג פֿון קאָנסום־פֿעראיינען. איבערהויפּט וואָלט דאָס געוועזען פּונקט אַזוי נאַרעש, ווי ווען איך וואָלט געפֿאָדערט, אַז מען זאָל זיי גרינדען, ניט קוקענדיג אויף קיין שום זאַך. דאָס וואָס עס זענען דאָ מענשען, וואָס האָבען קינדערשע האָפֿנונגען אויף די קאָנסום־פֿעראיינען, דאַרף אונז ניט שטערען צו האַלטען, אַז די קאָנסום־פֿעראיינען קענען שפּיעלען אַ וויכטיגע ראָליע אין דעם בעפֿרייאונגס־קאַמפּף פֿון פּראָלעטאַריאַט, האָטש ניט אַזאַ, ווי די פּראָפֿעסיאָנעלע און פּאָליטישע אָרגאַניזאַציאָנען. די גרינדונג פֿון קאָנסום־פֿעראיינען איז ניט נאָר ניט ענטגעגען אונזערע פּרינציפּען, נאָר עס איז פֿאַראַן פֿאַלען, וואו מען מוז זיי גרינדען.

אָבער אין ערגעץ איז ניט דאָ אַזעלכע שלעכטע בעדינגונגען פֿאַר די פֿעראיינען, ווי אין אַ גרויסער שטאָדט, און דעריבער דאַרף מען דאָ זיך פֿריהער גוט מישב זיין, אויב דאָ איז פֿאַראַן די מעגליכקייט צו גרינדען אַ קאָנסום־פֿעראיין.

נים נאָר אין גרויסע שטעדט, נאָר אפילו נאָך אין פיעל אַנדערע ערטער פון איראָפּאַ, ווי, למשל, אויף טערהדוויים פון רהיין*), ווענען די געזעצליכע, עקאָנאָמישע און אפילו גייסטיגע בעדינגונגען פאַר אַ קרעפטיגע גענאָסענשאַפטס-בעוועגונג, האָט זאָל ברייגען נוטצען דעם פּראָלעטאַריאַט, וועדר ווענינ ענטוויקעלט, אָדער עקזיסטירען אָפט נאָר נים. אָבער די קלאַסען-אינטערעסען טרייבען אומעטום דעם פּראָלעטאַריאַט, ער זאָל די בעדינגונגען בעשאַפען, וועלכע עס ווענען נויטהיג פאַר די גענאָסענשאַפטליכע בעוועגונג.

דער פּראָלעטאַריאַט איז גענויטהיגט צו פיהרען אַ קאַמפּף מיט די פּאָליציייאישע מלוכה, וועלכע איז איינע פון די גרעסטע שטערונגען פאַר אַ קרעפטיגע און אַ זעלבסט-שטענדיגע גענאָסענשאַפטס-בעוועגונג. ער מוז זיך בילדען, ענטוויקלען זיינע פעהיגקייטען און דערמיט אויך ענטוויקלען ביי זיך די גייסטיגע מעלות, מיט וועלכע איינצעלנע פון זיינע מיטגליעדער וועלען זיין אים שטאַנד צו דערנעהן די קענטניסען, וואָס ווענען נויטהיג צום פיהרען אַ גענאָסענשאַפט; און דורך זיינע פּראָפעסיאָנעלע און פּאָליטישע אָרגאַניזאַציאָנען בעשאַפט ער בעדינגונגען פאַר די אָרגאַניזאַציאָן פון פערברויך. יעדער באָיקאָט בעווייזט, וואָס פאַר אַ קראַפט עס האָט, אין געוויסע גרענצען, דער אָרגאַניזירטער פערברויך. אָבער ער בעווייזט אויך, ווי נוטציג עס איז די פאָרגרייטענדע אַרבייט פון די פּאָליטישע און בעזאָנדערס פון די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציאָנען. דאָס זעלבע, וואָס מיר האָבען דאָ געזאָגט וועגען באָיקאָט, קען מען אויך זאָגען וועגען די קאָנסום-גענאָסענשאַפטען.

האָטש עס איז נאָך עד היום פאַראַן ערטער, וואו עס טויג נים, אַז מען זאָל בעשאַפען אַ קאָנסום-פעראיינס-בעוועגונג, האָטש די קאָנסום-פעראיינען זענען אין אַזעלכע ערטער נאָך עד היום אַ מיטעל אָבצונאַרען די אַרבייטער און אויסצוברייגען זייערע קרעפטען אויף אומפרוכטבאַרע פּראָבעס, פונדעסטוועגען, נים קוקענדיג אויף דאָס אַלעס, קענען מיר זאָגען:

פריהער אָדער שפּעטער איז דער קאָנסום-גענאָסענשאַפטס-בעוועגונג בעשערט צו שפּיעלען אין יעדעס לאַנד אַ וויכטיגע ראָלע אין פרייאונגס-קאַמפּף פון אַרבייטער-קלאַס, נעבען דעם קאַמפּף ס

*) רהיין אַ טייך אין דייטשלאַנד.

פּראָפֿעסיאָנעלע בונדען אַז זיי זאָלען האָבען אַ דעה אין דער פּראָדוק-
ציאָן, נעבען דעם קאַמפּף פֿון פּראָלעטאַריאַט פֿאַר די מאַכט אין דער
געמיינדע און אין דער מלוכה, נעבען דער שטרעבונג פֿון דער געמיינדע
און מלוכה צו פֿערברייטערען און פֿערגרעסערען זייער דעה און מאַכט
איבער מעהר און מעהר צווייגען פֿון פּראָדוקציאָן, וואָס זיי זאָלען
אַליין פֿיהרען.

שטעלען מיר זיך דען ניט פֿאָר די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפֿט
ווי אַ ריעזיגע קאָנסום-גענאָסענשאַפֿט, וועלכע וועט אָבער ניט זיין
קיין האַנדעל-גענאָסענשאַפֿט, נאָר אַ פּראָדוקטיוו-גענאָסענשאַפֿט, וואָס
וועט פּראָדוצירען פֿאַר דעם פֿערברויך פֿון זיינע מיטגליעדער!

Wypożyczalnia Książek
„PALATYN"
Łódź, Piotrkowska L. 89.
Tel. 223-38.

פערלאג „די וועלט“.

עס ווענען ארויס פון דרוק.

1) ד. פינסקי. — היינטיגע יוגנט לייט [סקאַלאַג] „ פרייז 1 קאָפּ.

2) „ „ — די פאמיליע צבי „ „ „ „ 12 „

3) „ „ — ערב יום כפור „ „ „ } 2 „

4) ד. נאמבערג. — מען ווערט „ „ „ „

5) פ. עז. — צדקה (ערצעהלונג) „ „ „ „ 2 „

6) לעווין — אין א פינסטערע נאכט (ערצעהלונג) „ „ „ 2 „

7) ק. קאוטסקי. — דאס ערפורטער פראגראם. „ „ „ 80 „

אין 6 העפטען, יעדעס העפט 5 קאָפּ'

8) ק. קאוטסקי. — קאנסום-געזעלשאפטען „ „ „ 6 „

9) פ. יושקעוויטש. — וועגען וואהל-רעכט „ „ „ „ 7 „

10) מ. דיקשטיין. — פון וואס איינער לעבט „ „ „ „ 5 „

11) מ. שיפעל. — די עקאנאמישע איבערקעהרונגען און די

ענטוויקלונג פון דער סאציאלדעמאקראטיע „ 5 „

12) „ קלייןבירגערליכער סאציאליזמוס אויפ'ן אידישען באדען 4 „

13) פ. לאססאל רעכט און קראפט (דער עיקר פון קאנסטיטוציע) 6 „

14) „ די ארבייטער און די געזעלשאפטליכע קלאססען 8 „

(די ארבייטער פראגראם)

15) „ „ — ערצעהלונגען אויס דער געשיכטע פון דער

ערשטער פראנצויזישער רעוואלוציע „ 6 „

16) בעללאמי. — אין הונדערט יאהר ארום „ „ „ 25 „

עס דרוקען זיך:

1) ק. קאוטסקי. — די סאציאלע רעפארמע " " " " "
2) — — אויף מארגען נאך דער סאציאלער רעפארם "
3) — — פרידריך ענגעלס (לעבענס בעשרייבונג) "
4) פ. לאפארג. — קארל מארקס (פערזענליכע ערינערונגען) "
5) קלארע צעטקין. — די ארבייטערינען און די פרויען-פראגע " "
6) פ. לאפארג. — רעליגיאן פון קאפיטאל " " " "
7) * * — — די מעשה פון פיער ברידער " " " "
8) ק. מארקס און פר. ענגעלס. — דער מאניפעסט פון דער קאמוניסטישער פארטיי " " " " "
9) א. בעבעל — די פרוי אין דער סאציאליזם (אין העפטען) " "
10) מ. מערמאן. — רעליגיאן און קלאסענגעגענזאצען " " "
11) * * — דער ארבייטסטאג " " " " " "
12) ד. פינסקי. — אין משוגעים הויז (מאנאלאג) " " "
13) א. טהון — די געשיכטע פון די רעוואלוציאנערע בעוועגונגען אין רוסלאנד " " " " " "
14) ק. קאוטסקי. — קלאסען-אינטערעסען, בעזונדער-אינטערעסען און כלל-אינטערעסען " " " " "
15) * * — — — דער לעצטער קרבן " " " "

די אדרעסע פון פערלאג:

Книгоиздательство „Ди Велтъ".

ВИЛЬНА.

D2963
K38

STANFORD
LIBRARIES

This is a digital copy of a book that was preserved for generations on library shelves before it was carefully scanned by Google as part of a project to make the world's books discoverable online.

It has survived long enough for the copyright to expire and the book to enter the public domain. A public domain book is one that was never subject to copyright or whose legal copyright term has expired. Whether a book is in the public domain may vary country to country. Public domain books are our gateways to the past, representing a wealth of history, culture and knowledge that's often difficult to discover.

Marks, notations and other marginalia present in the original volume will appear in this file - a reminder of this book's long journey from the publisher to a library and finally to you.

Usage guidelines

Google is proud to partner with libraries to digitize public domain materials and make them widely accessible. Public domain books belong to the public and we are merely their custodians. Nevertheless, this work is expensive, so in order to keep providing this resource, we have taken steps to prevent abuse by commercial parties, including placing technical restrictions on automated querying.

We also ask that you:

+ *Make non-commercial use of the files* We designed Google Book Search for use by individuals, and we request that you use these files for personal, non-commercial purposes.

+ *Refrain from automated querying* Do not send automated queries of any sort to Google's system: If you are conducting research on machine translation, optical character recognition or other areas where access to a large amount of text is helpful, please contact us. We encourage the use of public domain materials for these purposes and may be able to help.

+ *Maintain attribution* The Google "watermark" you see on each file is essential for informing people about this project and helping them find additional materials through Google Book Search. Please do not remove it.

+ *Keep it legal* Whatever your use, remember that you are responsible for ensuring that what you are doing is legal. Do not assume that just because we believe a book is in the public domain for users in the United States, that the work is also in the public domain for users in other countries. Whether a book is still in copyright varies from country to country, and we can't offer guidance on whether any specific use of any specific book is allowed. Please do not assume that a book's appearance in Google Book Search means it can be used in any manner anywhere in the world. Copyright infringement liability can be quite severe.

About Google Book Search

Google's mission is to organize the world's information and to make it universally accessible and useful. Google Book Search helps readers discover the world's books while helping authors and publishers reach new audiences. You can search through the full text of this book on the web at http://books.google.com/